צווייטע אויפלאגע.

אמעריקא

זאמעלבוך

רעדאקטירט פון

דר. י. ווארטסמאנן

פרייז 15 סענט.

פערלאג: „נאציאנאלע ביבליאטהעק"

נויארק 1909.

"AMERICA"

MAGAZINE

EDITED BY

DR. CHARLES WORTSMAN, NEW YORK.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

50

* * *

אונטערן נאָמען „אמעריקא“ זאָלען פון צייט צו צייט ער־שיינען אונפּאַרטייאישע זאמעל ביכלעך אין וועלכע עס וועלען מיטאַרבייטען בלויז אַמעריקאַניש־יודישע שריפטשטעלער.

אונזערע אמעריקאַניש־יודישע שריפטשטעלער וועלען, ווי מיר האָפען, דאָס בעסטע וואָס זיי קענען שאַפען, דרוקען אין די זאמעלביכלעך „אמעריקא“, די לעזער וועלען בעקומען גוטע, ריינע ליטעראַטור און אונזערע ברידער פון יענער זייט ים וועלען דורך דיעזע אויסגאַבען זיך קענען מאַכען אַ בעגריף פון אונזערע לי־טעראַרישע קרעפטען און זיך בעקענען מיט דעם היעגען לעבען און שטרעבען.

פערלאַג: „נאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק“.

צווייטעס זאמעלבוך „אמעריקא“

ווערט פּאַרבערייטעט אין וועלכען עס וועלען זיך דרוקען זאַכען, ווי מיר האָפען, פון פאָלגענדע: בלינקין, יצחק אייזיק (פּראָפ. הורוויטץ), יוסף יפה, ליבין, ליעסין, יענטע סעררּאַצקע, ענטין, מ. קאַטץ, י. י. שוואַרץ, תשר"ק און פיעלע אַנדערע.

מאַנוסקריפּטען קענען שוין צוגעשיקט ווערען.

בוכהענדלער וואָס ווילען מאַכען גרעסערע בעשטעלונגען, זאָלען זיך בעצייטענס מעלדען, וועלען זיי בעקומען אַ גרעסערען ראַבאַט — אַדרעס:

Dr. Ch. Wortsman, 75 First St., New York.

דיא אַלע וואָס אינטערעסירען זיך
מיט'ן „פּאַרוועדטס“־לאַקאוט
זאָלען לעזען די וועכענטליכע צייטונג

„דער אידישער שרייבער“

פּרייז: 1 סענט אַ נומער.

אָפיס: 151 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק

אמעריקא

זאמעלבוך

רעדאקטירט פון

דר. י. ווארטסמאנן

ערשטעס בוך
פערלאג: „נאציאנאלע ביבליאטהעק“
נויארק 1909.

אינהאלט:

שיקזאל (געדיכט) — — — — — — — — — — — — — יהואש.
בלי זמר און פּיעדעל (געדיכט) — — — — — — ה. רויזענבלאט.
אבענדליעדער (געדיכטע) — — — — — — — — — מאני לייב
פריהלינגס־ליעבע (געדיכט) — — — — — — — יוסף באנק.
* * * (געדיכט) — — — — — — — — — אידא חאימאָוויטש.
צום פריינד (געדיכט) — — — — — — — — — י. בלייכער.
די אידיליע פון בית לחם (געדיכט) — — — — — — י. אדלער.
בין השמשות (דראמאטישעס בילד) — — — — — — מ. ציפין.
„מאן“ און „ווייב“ — — — — — — — — — — — י. פאלער.
ביים רבינ'ס טיש (בילדער אויס דעם חסידישען
לעבען — — — — — — — — — — — — — מ. אדערשלעגער.
איבער'ן כח (א חסידישע מעשה) — — — — — — צבי ן' שלום.
א לבנה נאכט — — — — — — — — — — — — — יהושע עפּשטיין.
איינזאמקייט — — — — — — — — — — — — — ש. אדלער.
י. באָוושאָווער (עטיוד) — — — — — — — — ה. אלעקסאנדראָוו.
דער גרויסער מת (טהעאטער ארטיקעל) — — — — — מ. זייפערט.
איינזאמע — — — — — — — — — — — — — ס. ק. שנעעפאל.
„קיבעציזם“ — — — — — — — — — — — — דר. י. וואָרטסמאנן.
„די אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק“ (א קולטער ווערק) — איש אמת.

שיקזאל

אליין אויף ווייטע ימים,
א וואנדער פויגעל פליהט,
און דורך דעם אויר־מדבר,
צום ווייטען אינזעל ציהט...

וואָס ווייס דער וואנדער־פויגעל,
ווען ער אין וואָלקען שוועבט,
פון ביסעל זאַמד וואָס האָט זיך,
אין פיסעל איהם פארקלעפּט?..

אין ברוינעם זאַמד פארבאָרגען,
אַ קערנדל איז פאַראַן,
און שמוגעלט זיך אַריבער
דעם ברייטען אָקעאַן...

דורך ווינד און שטורם פלאַטערט
דער קליינער פּיאָנער,
דעם קערנעןס גורל וואקעלט
אין רוים זיך הין און הער...

דער בראַווער וואנדער־פויגעל
געפינט זיין אינזעל אוים,
דאָרט בויט ער אין אַ פעלז־שפּאַלט
זיין ארעם עלענד הויז.

און לעבט זיין איינזאם לעבען,
און אָהן אַ שפּור פארגעהט...
דאָך לויז־געבראָקעלט האָט זיך
דער אורח שטילערהייד,

און זויגט מיט הונגער־חשק
די יונגע אינזעל־ערד —
און פון דעם קליינעם קערנען
אַ וואַלד אַ גרויסער ווערט...

דענווער, קאלא. יהואש.

כלי-זמר און פּיעדעל

דער הימעל איז ליכטיג און ווארעם,
די ערד איז געווירציג און גרין;
עס פלאַטערט וואו ערגיץ אַ פויגעל,
עס זשומעט וואו ערגיץ אַ ביהן.

ס'איז פריהלינג, ס'איז פריהלינג — נשמה,
א פיעדעלע טייערעס שפיעל!
נו הויבט־זשע אָן סטרונעלעך, פרעהלעך,
מיט לעבען, מיט האַרץ, מיט געפיהל.

דאס פיעדעלע פאָלגט מיך, נור וועה מיר!
וואָס איז אַזוי טרויעריג באַנג?!
נשמה, וואָס איז פאַר אַ שפּיעלען?
וואָס איז דאס, ערקלער, פאר אַ קלאַנג?..

דער הימעל איז לויטער און זוניג,
די ערד איז געווירציג און גרין,
טאָ וואָס האָט דיין אומעטיג שפּיעלען,
נשמה, אַצינד פאַר אַ זינן?..

דאס פיעדעלע כליפּעט, און טענה'ט:
„צו וואָלט איך דיין וואונש ניט ערפיעלט?
צו האָבען אַמאָל מיינע סטרונעס
דערווידער דיין האַרצען געשפּיעלט?"

נור איצטער, מיין מייסטער, אוי קען איך
ניט פאָלגען דעם דריק פון דיין האַנד,
דען איך האָב זיך איצטער, אָן עפּעס
אַ חלום, אַן אַלטען דערמאָנט.

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין היימאַט,
איך האָב זיך פערביינגט נאָך מיין שטאַם,
ערוואכט האָט דאס היימוועה אין האַרצען
ביי מיר מיט אַ צעהרענדען פלאַם...

„מען האָט פון אַ זעלטזאמער לאַנדשאַפט,
אַהער אין דער פרעמד מיך געבראַכט.
און סטרונעס אויף מיר אַנגעצויגען,
און מיך פאר אַ פיעדעל געמאַכט".

„און איצט, ווען עס בליהט און עס שימערט,
גערהט אויף אין מיר ליכטיג אַ טרוים:
איך פיהל אונטער זיך ווי עס ציהען
זיך וואָרצלען; מיר דאַכט כ׳בין אַ בוים...“

„איך הער יענע היימעשע פויגעל, —
און אומעטיג ווערט מיר, און באַנג,
און וועה איז מיין יעדוועדער נאָטע,
אבלות מיין יעדוועדער קלאַנג“.

דער הימעל איז יום־טוב׳דיג, פרעהלאך,
די ערד איז געווירציג און גרין,
און טאַקי אַצינדערט ערשט פיהל איך,
ווי ווייט פון מיין היימאַט איך בין...

יאָנקערס, נ. י. ה. רויזענבלאַט.

אבענד-ליעדער

I

מיך לאקט דער ערשטער אבענד קלאַנג
אין ווייטען שטילען האַרץ געזאַנג...
איך האָב ביים ערשטען אבענד קלאַנג
צוערשט דערקאָנט מיין ליעבע־שלאַנג...

מיך לאקט דער ערשטער אבענד פלאַם
אין טונקעל־ווייטען שוים פון ים...
איך האָב ביים ערשטען אבענד פלאַם
צוערשט פארזוכט מיין ליעבע־סם...

II

איך קום דעם לעצטען זונען־שטראהל,
וואָס שטאַרבט אין בלויען רוים,
איך קום אין לעצטען זונען־שטראהל
דיין מיידעלש בילד — מיין טרוים...

איך קום אין לעצטען זונען־שטראהל
דעם פלאַקער פון דיין בליק,
דיין קוסען זיך, דיין שעמען זיך,
דיין שרעקען זיך — מיין גליק...

ברוקלין, נ. י. מאני לייב.

פריהלינגס-ליעבע

גאָט האָט די טייכען אויפגעדעקט,
און אלע פויגלען אויפגעוועקט,
און אלע ווינטען אָבגעלאָזט,
און אלע בערגעלעך בעגראָזט.

און פרעהלעך שיינט דער זונען־שטראַהל,
און פרעהלעך רוישט דער וואַסער־פאַל,
און פרעהלעך זינגט די נאַכטיגאַל,
עס בליהט און בלימעלט איבעראַל.

דאס ליעבע־לעבען האָט ערוואַכט
און יעדעס מיידעל שטיפט און לאַכט,
און יעדעס הינטעל בילט און שפּרינגט,
און יעדער בחור געהט און זינגט:
„אָ, קום צו מיר, געליעבטע מיין!
דו ביזט מיין טרייסט, מיין זונען־שיין,
קום לאָמיר געהן צום וואַלד אַרויס,
זוען ניט, מיין שאַץ, דאַן געה איך אויס“.

איך געה פארביי מיין ליעבסטעס טיהר,
איך בליק אריין דערזעה איך איהר:
די קעצעל האַלט זי אויף די קניע
און זינגט: „מיין ליעבסטער וואָהנט ניט היע;
ער וואָהנט אין וויטען ענגעלאַנד
און טראָגט דריי רינגען אויפ'ן האַנד,
און טראָגט אַ זייגער און אַ קייט,
און עסען עסט ער ווייסע ברויט;
און קאַווע טרינקט ער מיטאג־צייט,
און לעבט ווי אַלע רייכע לייט“.

איהר אויג פערציהט זיך מיט אַ טרעהר,
זי קושט די קאַץ און זינגט ניט מעהר;
איך שיק מיין לעצטען בליק צו איהר,
מיין האַרץ, מיין האַרץ געהט אויס אין מיר.

דאס ליעבע־לעבען האָט ערוואַכט,
און אַלעס שטיפט, און אַלעס לאכט,
איך איינער געה ארום און טראכט:
די ליעבע האָט מיך קראַנק געמאַכט
און מיר בעפעלט צו וואַנדערען —
מיין ליעבסטע ליעבט אַן אַנדערען!

ניו יאָרק. יוסף באַנק.

* * *

כ'וויל זיין לוסטיג. פלינק און פריי
ווי אַ פויגעלע אין מאַי,
ווי דער קלאָרער וואַסער־קוואַל,
ווי די ביהן ביים זונען־שטראַהל,
און פערפליהען דאָרט אַהין,
וואו די בלומען בליהען
און דאָס גראָז איז גרין;
וואו מיין ליעבסטער זיצט פער'חלום'ט
און פערטראַכט,
זינגענדיג די ליעדער זיינע
טאָג און נאַכט.

ניו יאָרק אידא האַימאָוויטש.

צום פריינד

דו זעהסט, עס צאַנקט אַ ליכטעל קוים,
פערהאַלט דעם אָטהעם;
פערוועהען וועט אליין מיין טרוים,
ניט דו פערשפּאָט איהם!
שיט אויף אַ קבר ערד ניט מעהר,
שטעל אויך קיין טאָוועל;
ס'איז טראָגען טויד אַזוי שוין שווער —
ס'געדענקט אַן אבל. —

ניו יאָרק י. בלייכער.

די אידיליע פון בית לחם

ווייסע שלענגעלדינע וועגען
מיט דעם זונען־שיין בעגאָסען,
פיהרען צו די נערשטען־פעלדער,
צו די גאָלד־בעפאַרבטע זאַנגען.
ברוינע שניטערינס און שניטער
מיט די סערפּען פלינק בעוועגען,
לוסטינ שניידען זיי די זאַנגען
און צובינדען זיי אין גאַרבען —
און די שניטער־ ליעדער קלינגען,
קלינגען אָפּ פון אַלע זייטען,
און די ע כ אָ ס פון דער ווייטען
שיקען גריסען פון יהודה —
און בענעימות׳דינ־בשיידען
ווי די ערשטע רויז פון ש ר ו ן,
שטעהט ביים זייט די צאַרטע טאָכטער
ר ו ת, און שטראַהלט מיט ריינע אונשולד.

* * *

און בענעימות׳דינ־בעשיידען,
האַלב צוטומעלט און צושראָקען
הויבט זי אויף די אויגען איהרע
קוקט אַרום זיך ווי פערבלאָנדזעט,
און זי זעהט נור פרעמדע זאַנגען,
פרעמדע גאַרבען, פרעמדע פעלדער,
און די שניטער־ליעדער קלינגען,
פרעמד... דאָך זאַנפט און פול מיט ליעבע,
און די ווייטע בערג, די אַלטע,
שיקען אָפּ צוריק די ליעדער
דורך וואונדערשעהנע עכאָס...
און די שניטערינס און שניטער,
מיט די סערפּען פלינק בעוועגען,
און עס מעהרען זיך די גראַבען.
און אין מ ו א ב ׳ס־טאָכטער׳ס אויגען
גלאַנצט אַ צווילינג פעריל־טרעהרען...

* * *

פרום, ערהאַבען איז געוועזען
יענע גאָט־געבענשטע רגע
ווען די טאָכטער פון בית־לחם
מיט דעם ליעבען שעהנעם ב ו ע ז
זענען זיך צונויפגעקומען —
איינגעפלאַנצט איז דאָן געוואָרען
מיט אַ הייליג־טיעפער ליעבשאַפט
יענעם קערענדיל פון לעבען,
פון יהודה׳ס שטאַם, דעם ריינעם,
איינגעפלאַנצט פון יונגע כוחות...

* * *

אויף די פעלדער פון ב י ת ־ ל ח ם
אויף די רייכע בלומען בעטען,
אין אַ ים פון וואונדער־פאַרבען,
אין אַ ים פון זונען־שטראַהלען ;
אויף די פעלדער פון ב י ת ־ ל ח ם
יונגע רויזען פון די קנאָספּען
מאַכען דורשטינ אויף די ליפּלעך,
טרינקען אָן זיך מיט דער טהוי־לופּט,
און זיי ציהען צו די הימלען
שטעלען אויס די פרישע ליפּלעך,
קושען זיך מיט זונען־שטראַהלען,
און זיי שפּיעלען זיך מיט ווינטלעך ;
אויף די ברייטע גערשטען־פעלדער
צווישען שורות פרישע גאַרבען,
וואַנדערט, וואַנדערט מואב׳ס־טאָכטער
אין די שפּיעלענדינע פאַרבען
פון די גרין־בעגראָזטע לאָנקעס,
און איהר האַרץ, דאָס צאַרטע, ריינע,
זאַפּט זיך אָן מיט ליעבע בילדער,
מיט דעם זיסען בשמים־אָטהעם,
וואָס די זעפיר־ווינטלעך ברענגען
פון דעם ירדן׳ס גרינע ברעגען
און יהודה׳ס בערג, די פרייע —
אין דאָס האַרץ איהר׳ס וועקען אויף זיך
שטילע בענקענדע געזאַנגען,
הייליג־פרומע מעלאָדיען,
ווי עס וואָלט אַ מלאך דאָרטען
אויף אַ געטליך־האַרפע שפּיעלען...

* * *

רות, דאָס שעמעוודינע מיידעל,
ניט געקענט האָט ווי שולמית,
איבער בלומען־בערגליך שפּרינגען,
שטיפען ווי אַ יונגע הירשין —
ווי פון אונשולד אויסגעגאָסען
איז געווען די שנור פון נ ע מ י.
אין אַ רוהע־צייט, אַ פרייע,
ווען די יודען האָבען לוסטינ
זיך געזונגען הירטען־ליעדער
אין די טהאָלען פון יהודה —
דעמאָלט האָט זיך אויסגעשפּונען
די אידיליע פון בית־לחם.

ברוקלין, נ. י.

י. אדלער.

בין השמשות

(דראמאטישעס בילד).

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

שיינה חיה — אַן אלמנה, 55 יאָהר אַלט.
אייבראם — איהר זוהן, אַ יודישער שרייבער.
דינה — איהר טאָכטער, אַן ארבייטערין.
האַלפּערין — אַ פּלימעניק, אַן ארבייטער.

צייט: אין אונזערע טעג, אָסיען, שבת פאַרנאַכט.
פּלאַץ: אין אַ גרויסע אמעריקאנער שטאָד, מיט אַ גרויסע יודישע געטאָ, אין אַן אַלטע טענעמענט הויז.

(אַ פינסטערעס צימער מיט איין טיהר צום קאָרידאָר און אַ צווייטע ביין זייט צו אַ צווייטען צימער. איין פענסטער אַנטקעגען דער טיהר.ביידע טיהרען און די פענסטער קוקען אויס ווי גרויסע שווארצע לעכער צוליעב דער פינסטערניש. דאס מעבעל אין צימער בעשטעהט פון אַ קאַנאַפּע, עטליכע ביינקלעך, אַ טיש, אַן אויוועז און אַ שראַנק. אלעס איז אַלט, אויסגעקרימט און חושך'דיג. דינה ליגט אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ נאַס טוך אויפ'ן קאָפּ, שיינה חיה בייט אום די טיכער און האַלפערין דערלאנגט זיי און נעמט זיי צו. אייבראם שפּאצירט לאַנגזאַם הין און צוריק איבער'ן צימער, קוקט זיך איין יעדע מינוט אין פענסטער און געהט אַוועק פון דאָרט צאָרענדיג און אָנגעבלאָזען).

ד י נ ה (מיט אַ שוואכע שטימע): לייג, לייג, מאַמינקע! יעדעס מאָל וואָס דו בייטסט אום דעם טוך ווערט מיר לייכטער אין די אויגען... (מיט אַ שוואַכען זיפץ) איך האָב איינפאַך ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט איך בין.

ש י י נ ה ח י ה (בייט איבער דעם טוך): אָבער רייד האָטש ניט און ליעג רוהיג, טאָכטער! דו מאַכסט בלויז ערגער מיט דיין קעהרען זיך אויף אַלע זייטען.

ד י נ ה (ווי זי וואָלט ניט הערען): אז איך האָב געעפענט די אויגען האָט זיך מיר צוערשט אויסגעדוכט, אז איך געפין זיך אין

האָספיטאל. עס האָט זיך מיר די גאַנצע צייט געדוכט אַלץ, אַז מען פיהרט מיך אין האָספיטאל.

האַלפּערין (דרעהט אויס אַ טוך און דערלאַנגט עס צו שיינה חיה'ן): אַז אסור אויב עס האָט זיך געלוינט אפילו א פינגער איינשניידען צוליעב דעם.

אייבראם (שטעלט זיך אָב): און פונדעסטוועגען ביזטו דאָרט געוועזן (גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און פאנגט אָן ווידער שפּאַצירען) עס איז ווירקליך געוועזן אַ שטיק אידיאָטסטווע!

האַלפּערין (פערשעהמט): איך?!. איך בין ניט געגאַנגען, אייבראם, איך בין נאָכגעגאַנגען.

דינה (זעצט זיך אויף האַסטיג): דאס איז שוין אין מיין גאָרטען אַ שטיין געוואָרפען. ס'איז אמת, אייבראם, האַלפערין איז בלויז נאָכגעגאַנגען. (פאַלט אום צוריק צום קישען מיט אַ שווערען קרעכץ) איצט, אַז די פּאָליציי האָט זיך אָנגעבושעוועט, ביזטו אויך אַ חכם, אייבראם.

שיינה חיה (ליגט צו אויפ'ס שנעל אַ נאס טוך צו דינה'ס קאָפּ: כמעט וויינענדיג): טאָכטערקע, קינד מיינס! ליעג חאָטש רוהיג פאר אַ צייט ביז דאָס בלוט וועט אויפהערען צו גיסען. (פערברעכט מיט די הענד) וועה, וועה, וויפיעל בלוט זי האָט עס נעבאך פערלאָרען!

אייבראם (שטעלט זיך אָב): נו, דאס האָט מען בעדארפט ערוואַרטען. (בייגט זיך אָן צו דינה'ן) און דו, דינה, ליעג בעסער רוהיג און לאָז זיך ליינען טיבער צום קאָפּ. פון דעם וואָס דו וועסט פערלירען נאָך אַ ביסעל בלוט וועט זיכער קיינער ניט געווינען.

דינה (גיט אַ הויב דעם קאָפּ און וויל עפּעס ענטפערען, אָבער פאלט אום צוריק צום קישען פאר שוואַכקייט. מיט אַ קראַנקען שמייכעל): דער פּאָליצייסקער קלאָב איז הפנים דאָך שטארקער פון מיין קאָפּ.

(אַ שווערע שטילקייט אין צימער און עס הערט זיך בלויז דאס פּליוכען פון וואסער, ווען האַלפּערין דרעהט אויס די טוכער און דערלאַנגט זיי צו שיינה חיה'ן).

אייבראם (זיין שטערן אָנגעשפּרט אָן שויב פון פענסטער. שטיל און מיט אַ זיפץ): איך דיינק, אַז מען מעג שוין אָנצינדען פייער, מאַמע. עס איז שוין גוט פינסטער.

שיינה חיה: ניין, עס איז נאָך צו פריה. באשר ביי אונז, זאָל מען ניט זינדיגען מיט די רייד, איז אַזוי פינסטער. אין גאַס איז נאָך גרויסער טאָג.

האַלפּערין: אין אַזעלכע מאָמענטען, ווען אויפ'ן האַרצען איז אַזוי מאָדנע, איז בעסער ווען עס איז פינסטער, אָדער גאר

אזוי ווי איצט — בין השמשות'דיג. עס איז גוט צוצוקוקען ווי דער טאָג ראנגעלט זיך מיט דער נאכט און וויל זיך אלץ ניט אונטערגעבען.

א י ב ר א ם : נו, ביי אונז אין די בעק רומס (צימער) זעהט זי זיך גאנץ ווייניג אָן, דיזע מלחמה צווישען טאָג און נאכט. ער קומט צו אונז שפּעטער, דער טאָג, און, געשיצט פון דער אַנטקעגענ־דיגער וואנד, שטעהט ביי אונז אָן די נאכט א סך פריהער ווי ביי לייטען. ביי אונז ראנגעלט זיך דער טאָג כמעט קיין מאָל ניט מיט דער נאכט, פונקט ווי ער וואָלט פיהלען, אז עס איז ניטאָ פאר וואָס און פאר וועמען. (גיט א טיעפען זיפץ) אָפען גערעדט, האָבען מיר דאָך דאָ, ביי אונז, כסדר נאכט. פרעג ביי דער מאמען און זי וועט דיר דערציילען וואָס פאר א גרויסע סומען געלד מיר צאָהלען יערען מאָ־נאַט פאר די גאז, דערפאר וואָס מיר מוזען דאָ אימער אָנהאלטען א שטענדיגען ליכט פייער. און אפילו א נאכט האָבען מיר דאָך דאָ אויך ניט ווי ביי לייטען.... איך געדיינק שוין די צייט ניט ווען איך זאָל האָבען געזעהען א רעכטען שטערענדעל דורך אונזער פענסטער, אָדער אן אמת פינסטערען וואָלקען, אזוי אז עס זאָל זיין אמת שווארץ.

ד י נ ה (פּרובט זיך א הויב מהון פון קישען און פאַלט אום צוריק, ארויסלאָזענדיג א שוואכען קרעכץ):

ש י י נ ה ח י ה : פינסטער איז מיר ניט, עס טהוט איהר נעבאך גוט וועה.

ד י נ ה : יע, מאמע, עס טהוט גוט וועה... און דער ווייטאָג איז נאָך דארום שטארקער וואָס ער איז געקומען אזוי אונערווארּ־טעט, אזוי אונגעריכטערהייד.

ה א ל פּ ר י ן : נו גאָר אונגעריכטערהייד איז עס ניט געקומען. איך האָב געזאָגט און זאָג נאָך אמאָל, אז מען האָט עס געדארפט ערווארטען. די דעמאָנסטראציע איז געווען א יודישע, און איך זעה ווירקליך ניט איין ווארום יודען זאָלען תמיד און אומעדום זיין די ערשטע.

ש י י נ ה ח י ה : אָבער גאָר מיינע ווערטער, זאָלען מיר אזוי אלע האָבען א ליכטיגען יאָהר. וויפיעל איך האָב מיט איהר ניט איינגע'טענה'ט, וויפיעל איך האָב זיך ביי איהר ניט געבעטען, האָט זי דאָך מיך געפאָלגט פונקט ווי אלע מאָל, ב"ה.

ד י נ ה (זעצט זיך אויף האסטיג): אָבער מען קאָן זיך דאָך אויביג ניט בעהאלטען, אימער שטיקען זיך אין די ווינקלען ! האָט מען זיי דאָך געדארפט ווייזען איין מאָל פאר אלע מאָל, אז זיי לייגען פערברעכעריש און אז דאס עלענד איז נאָך אלץ אזוי גרויס ווי אין אָנפאנג פון קריזיס.

האלפערין: איך האָב שוין באלד פערגעסען ווי אזוי מען זיצט ביי דער מאַשינקע: מיט'ן פּנים צו איהר, כדי צו זעהן ווי די ארבייט געהט אָן, אָדער מיט'ן פנים צום פאָרמאַן, אום צו זעהען ווי אָפט ער ווארפט אויף דיר זיינע בליקען. אָבער שפּאַס אָן א זייט. יודען האָבען ניט געטאָרט אַרויס אויף א דעמאָנסטראַציאָן די ערשטע, און איבערהויפּט אין א צייט, ווען זיי ווילען עס פערשטיקען.

דינה (גיט אַ זיפץ): דאס לעצטע איז אפשר אמת, האלפּערין.

(אַ שווערע שטילקייט פאר איניגע מינוטען).

אייבראם (קוקט אין פענסטער): אָבער מערקווירדיג ווי די טויטע הויכע וואנד פּערשטעלט פון אונז אלעס, טאָג ווי די נאכט! עס האָט זיך געוואָלט וויסען וואָס לייטען טהוען איצט, האָבען זיי שוין אָנגעצונדען זייערע פייערען אָדער ניט... קאָן מען דאס אויך ניט זעהען דורך אונזער פענסטער.

האלפּערין (אויסדרעהענדיג אַ טון): עפּעס האָסטו זיך מיר היינט מאָדנע פערביינקט נאָך דער נאכט, אייבראַם.

אייבראם: דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהען קיין נאכט, האלפּערין, חאָטש איך האלט זיך אין איין ריכטען, אַז אָט־אָט און זי קומט באַלד אָן און איך קאָן שוין איינפאַך ניט איבערטראָגען דיזע סיערע, כמארע טעג און דיעזע מיט גאַז און עלעקטריק בעלייכטענע נעכט. (צולאַכט זיך טרויעריג) אָט האָט איהר אלע געזעהען די פּאָגראָמען, איבערגעלעבט זיי, און איך.. איך האָב בלויז געשריבען א פּאָר בעשטעלטע ארטיקלען, ווי עס פּאַסט זיך פאר'ן יודישען לעזער. (זעהר טרויעריג) צוגעאיילט זיך מיט מיין אָבפּאָהרען פון דער היים... ניט געקענט איבערטראָגען דעם בין השמשות דאָרט און אריבערגעכאַפּט זיך אין אָן עביגען בין השמשות, און פערפּעהלט ביידעס: אי דעם ליכטיגען טאָג וואָס האָט דאָרט אַ בליאַסקע געטהון פאַר אַ ווײלע, אי די פינסטערע און שוואַרצע נאַכט... (איראָניש) אפילו אייער אונגליק היינט האָב איך דאָך אויך ניט געזעהען און, ווער וויים, אפשר וועל איך נאָך דאַרפען צושטעלען א פּאָר אַרטיקלען וועגען דעם, ווי עס פּאַסט זיך פאר'ן יודישען לעזער? !...

דינה: גליקליך דאַרפסטו זיך פיהלען, אייבראם, וואָס דו האָסט עס אלעס ניט געזעהען. (צו־וויינט זיך) ווען דו וואָלסט געזעהען ווי גרויזאַם, ווי ציניש, דער דיקער פאָליסמען האָט מיך ארומגעכאַפּט, און ווי ווילד, ווי בעסטיאַליש ער האָט עס אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען איבער מיין קאָפּ, ווען איך האָב זיך געפּרופט ארויסרייסען פון איהם... אה, אייבראם! ניט די קלעפּ, די בעליידיגונג, וועל־

כע איז פערבונדען מיט די קלעפ, אַט וואו די גאנצע ביטערקייט ליגט!... דאס זעלבע, געדיינק איך, האָב איך געפיהלט אין דער היים, ווען נאָך אלע ערוואַרטעטע און פערשפּראָכענע גליקען, האָבען פּלוצלונג אויסגעבראָכען יענע פינסטערע פּאָגראָמען.

ה א ל פ ע ר י ן : נו, פאר אייך, דינה, איז איצטער גאָר ניט די צייט צו וויינען און נעמען זיך צום הארצען. און קיינער איז ניט שולדיג אין דעם, וואָס איהר ערוואַרטעט פון אנדערע מעהר וויפיעל יענע קענען און ווילען אייך געבען.

ש י י נ ה ח י ה (בייט אום דאס טיכעל אויף דינה'ס קאָפּ): און דאָס בלוט הערט ניט אויף צו גיסען. יעדעס טיכעל וואָס איך נעהם אראָב איז רויט דורך־און־דורך. אזוי פיעל בלוט זאָל זיך פון זיי אויסצאַפּען יעדע מינוט, רב"שע!

א י י ב ר א ם (צולאָכט זיך): מיט קללות, מאמע, וועסטו מיט זיי גאָרנישט מאַכען. קללות געהען דאָ גאָר אין חשבון ניט אריין. מען דארף געגען זיי דאס זעלבע געברויכען וואָס זיי פערמאָגען: גוטע רעוואָלווערען, געזונדע קלאָבס און כוחות, וואָס מעהר כוחות, און דאס גראדע פעהלט אונז תמיד, און ווענען דעם גראדע פערגעסען מיר יעדעס מאָל, ווען מיר ווילען ווייזען אונזער קראפט.

ה א ל פ ע ר י ן : נו, זיי וועלען אימער האָבען מעהר ביקסען און אויך מעהר שיסער.

א י י ב ר א ם : יא, האלפערין, און אויך מעהר שיסער, און דאס איז דאס ערגסטע.

ד י נ ה : נאָכ'ן חשבון נאָך זייט איהר ביידע גערעכט. אָבער ניט אַלע מאָל און ניט איבעראל קאָן מען האלטען חשבון. די נשמה רייסט זיך, דאָס הארץ שפּרינגט פון איהר פּלאַץ און ניט אַלע מאָל איז עס מעגליך זיי אָבצוהאלטען. איך וויים ניט ווי אנדערע, איך קען עס ניט.

ה א ל פ ע ר י ן : אפילו דאן ווען איהר פיהלט, ניין ווען איהר זייט זיכער, אז אייער ארויסשפּרינגען וועט נאָך ערגער מאַכען, וועט נאָך מעהר פערשטארקען די פינסטערנעס, וועט נאָך גרעסער מאַ־כען די חושך'דיגע מאַכט פון די שוין אזוי אויך גענוג פינסטערע כוחות?

ד י נ ה (פעסט): אפילו דאן! נאָך מעהר, גראדע דאן!... עס איז אַ פערברעכען צו זיצען מיט צוזאמענגעלייגטע הענד און שווייגען, ווען ארום דיר זענען דאָ אזוי פיעל צרות און ווייל יעדערער שטיקט זיך מיט זיין אייגענעם פּעקעל צרות, מיינען אלע אַז אלעס געהט אָן כשורה... טאָג אָדער נאַכט! און אויב איך קאָן ניט ברייננען דעם טאָג, זאָל איך חאָטשע העלפען ברייננען וואָס שנעלער די נאַכט!

אייבראם (מיט אַן איראָנישען שמייכעל): גוטע ווערטער, דינה, ניטאָ וואָס צו ריידען, די צרה איז אָבער וואָס מיר זענען אזוי שוואך, אז מיר קאָנען אפילו די נאכט, איך מיין די גרויסע נאכט, אויך ניט ברייננגען. עט, מיר לעבען, מיר טומלען זיך, מיר קעהרען איבער וועלטען... ביי זיך אין דער היים, ביי זיך אין קווארטאל, און די וועלט... די וועלט געהט זיך איהר וועג אָהן אונז. (מיט ביילק־שאפט) אך, ווי איך וואָלט געוואָלט דערלעבען זעהען די אמת'ע נאכט, אז עס איז שוין ניט בעשערט צו זעהען דעם טאָג. דער בין השמשות, ער טויטעט מיך אוועק איינפאך.

האלפערין: נו, דאָס איז פּאָעזיע, האָב קיין פּאראיבעל ניט. אין פּראקטישען לעבען איז א ביסעלע ליכטיגקייט, אפילו א בין השמשות'דיגע, דאך בעסער פון פינסטערניש.

דינה (מיט א זיפץ): בעפאָר מיר זענען אָבגעפאָהרען נאך אמעריקא, האָט איהר אויך געזאָגט דיזעלבע ווערטער, האלפערין. (מיט א שמייכעל) איך וועל, אלזאָ, מיין צושפּאלטענעם קאָפּ צושטע־לען צו אייער השבון.

האלפערין (שמייכעלט): עס איז אמת, דינה, איך האָב אזוי געזאָגט, אָבער אסור אויב איך בין געווען אין עפּעס שולדיג. איך האָב געזעהען, בעסער געזאָגט — געדיינקט, אז עס זענען דאָרט, אין דער געביידע וואו מיר האָבען געזאָלט זיך אריבערקלייבען, עט־ליכע פענסטער, און דורך פענסטער, ווייס איך, קומט אימער אריין פיעל ווייניג ליכט. (טרויעריג) און איבעריגענס, האָבען מיר דען געהאט אַן אנדער ברירה? פון די פּאָגראָמען האָט מען דאך געמוזט אנטלויפען, פון די תליות אויך, האָט מען זיך געמאכט האריז און געטרייסט.

אייבראם (געהט אָב פון פענסטער און זעצט זיך צו נעבען דינה'ן): איהר האָט מיך דערמאָנט אויף אנאנדער פּאסירונג, וועלכע איז מערקווירדיג עהנליך צו אייערע. בעפאָר איהר זייט אָנגעקומען אהער, בין איך ארויס זוכען א דירה פאר אונז. עס איז געווען א כמארנער, סערער טאָג, ווען איך בין ארומגעגאנגען זוכען פּאסענדע צימערען, ביז איך האָב קוים מיט מאטערנעש אָנגעטראָפען אויף דיזע. דער בעל הבית פון הויז האָט מיר געפּרופט איינריידען, אז אין א ליכטיגען טאָג איז דאָ אזוי ליכטיג, אז מען ווערט אזש פערברענט פון דער זונן. מען מוז, זאָגט ער, אין א ליכטיגען טאָג ארונטערלאָזען די פארהאנגען, אז ניט קען מען דאָ ניט איינזיצען. איך האָב גוט געוואוסט, אז ער זאָגט ליגען, און די איינציגע פענסטער מיט דער טויטער, הויכער וואנד אנטקעגען זענען געווען גוטע עדות דאפיר. אויך ער, דער גנב, האָט געוואוסט, אז איך פערשטעה זיך אויף

זיינע ליגענס, און דאך האט ער פארטגעזעצט לויבען די צימערען און איך האב פארטגעזעצט צו הערען עס און צושאקלען מיט'ן קאפ... די דירה, פערשטעהט איהר, איז געווען די איינציגע וואס איך האב געקענט געפינען פאר מיין פרייז... (גיט זיך א הויב האסטיג פון פלאץ) מאמע! מען האט פונדערסטוועגען בעדארפט זעהען וואס עס טהוט זיך ביי די שכנים. אפשר איז שוין צייט אנצינדען פייער? (צו האלפע־רין) דו ווייסט, האלפערין, שבת בין השמשות איז דער איינציגער מאמענט ווען די מאמע רעד זיך צוזאמען מיט די שכנים. יודישע שכנים אפילו, אבער זיי וואהנען, פערשטעהסטו, צו די פראנט.

ש י י נ ה ה י ה (גיט זיך לאנגזאם א הויב פון פלאץ, גיט א זיפץ און געהט ארויס פון הויז).

(עס הערט זיך א שוואכער קלאפ אין א דערבייאיגער טיהר, דאס עפענען זיך פון איהר, אן אויסטויש פון ווערטער און דאן דאס צומאכען פון איהר).

ש י י נ ה ה י ה (עפענט שוואך די טיהר און קומט אריין): עס איז נאך גרויסער טאג אין גאס!... די שכנים, זיי האבען מיך אויסגעלאכט, ווען איך האב ביי זיי נעפרעגט אויב עס איז שוין צייט אנצינדען פייער. איך האב זיך איינפאך פערשעהמט פאר זיי, אזוי ליכטיג איז דארט אין שטוב.

ה א ל פ ע ר י ן (טרויעריג און מיט א שמייכעל): הייסט עס, אז מיר דארפען נאך דערווייל טאפען אין דער פינסטער, מוהמע. מילא, וועלען מיר צו־ווארטען א ביסעל.

א י י ב ר א ם (מיט א שווערען זיפץ): צו־ווארטען ביז דער בין השמשות וועט אריבער און עס וועט אנשטעהן די אמת'ע נאכט.

(אייבראם געהט צו צום פענסטער און הויבט אן זינגען א טרויעריגעס אונטער'ן נאז. דינה גיט א הויב דעם קאפ, פאלט ווידער צום קישען און לאזט ארויס א טיעפען קרעכץ. האלפערין בויגט זיך אן צו איהר מיט א זארגפולע צערטליכקייט און שיינה חיה שטעהט אין מיטען שטוב אזוי ווי פערשטיינערט).

ש י י נ ה ח י ה (מיט א שווערען, טרויעריגען קרעכץ): אה, פינסטער איז מיר ניט!

(פ א ר ה א נ ג).

שיקאגא

מ. ציפין.

„מאַן“ און „ווייב“

ווען מאַן און ווייב, דאָס יונגע פּאָר פאָלק, זענען אריין אין זייער שלאָפצימער איז זי, דאָס יונגע ווייבעל, שוין געווען בערוהיגט. די איינגעפאַלענע באַקען האָבען נאָך געוויזען אפילו צייכענס פון רויט־קייט, געפלאַמט אָבער האָבען זיי מעהר שוין ניט. דערפאַר אָבער האָבען איצטער איהרע אויגען געפלאַמט מיט דעם בעקאַנטען פייעריל פון א יונג ווייבעל נישט לאַנג נאָך דער חתונה אין א ליל טבילה...

גלייך ווי מאַן און ווייב זענען אריין אין שלאָפצימער האָט זי פערהאַקט די טיהר, א כאַפּ געטהון דעם שליסעל און פערשלאָסען.

— וואָס פערשליסטו שוין? באלד פערשליסט זי... האָט ער געמורמעלט.

זי האָט איהם געוואָלט עפּעס אָבענטפערן. דאָס ליידענשאַפטליכע פייערעל פון איהרע אויגען איז מיט אמאָל פערלאָשען געוואָרען און א מאָדנע פלאַקער האָט זיך דאָרט בעוויזען, די גרויסע קעלבערנע אויגען זענען מיט אמאָל נאָך גרעסער געוואָרען דאָס אויסגעצויגענע פנים איז ביי איהר נאָך אויסגעצויגענער געוואָרען, די ציינער פון דעם אונטערשטען קאַסטען וואָס האָבען ארויסגעשטאַרט ווייטער פון די אויבערשטע, זענען זיך מיט אמאָל צונויפגעקומען מיט א גריל־צינגען קריץ און אויף איהרע ליפּען איז געהאָנגען א וואָרט ווי א שטאָך פון א שווערד. אָבער ווי זי וואָלט זיך אליין דערשראָקען פאַר דעם שאַרפען וואָרט האָט זי זיך א ביס געטהון אין דער אונטערשטער ליפּ און שטיל אָבער מיט האַסט צוריק די טיהר אויפגעשלאָסען.

ער, דער מאַן, איז געשטאַנען איבערגערעהט צום ברענענדען לאָמפּ און האָט נישט בעמערקט די פערענדערונג וואָס דאָ אז ביי איהר מיט אמאָל פאָרגעקומען אָבער דאָס האַסטיגע אויפשליסען האָט איהם גלייך קלאָר געמאַכט זיין ווייבס איצטיגען צושטאַנד.

— די שלאַנג האָט שוין ערוואַכט, האָט ער שטיל צווישען די ציינער געמורמעלט און מיט איינגעהאַלטענע טריט איז ער ארויס־געגאַנגען פון שלאָף־צימער.

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער פּאַר איהר בעט געטראָפען ליגען דאָס האַלבע קלייד, די שיך־און־זאָגען. ער האָט דאָס אַלעס אויפגעקליבען, אויף דעם דאַנעבענדיגען שטול אוועקעלייגט און אויף דער שלאָפענדער אַ בליק געוואָרפען. זי איז געווען צוזאַמענגעקאָר־טשעט קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזעהן דאָס ווייסע טשיפּיקעל פון איהר קאָפּ.

אַ קורצע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, דאַן איז ער אויף די נעגעל שטיל אַוועק צו זיין בעט און זיך געפיהלט פּאַר דעם גריקליכס־טען. דאָס גליקליכע געפיהל האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, אַ שווארצער וואָלקען האָט זיך אויף זיין פּנים פערשפּרייט און אין האַרצען האָט ער דערפיהלט אַ טיעפען טרויער. עפּעס האָט ער איצ־טער געפיהלט אַ רחמנות צו זיך אַליין. און נישט פיהלענדיג האָבען זיך זייגע לעפצען בעוואויגען מיט אַ שטילער תפלה: גאָט! ווארום בין איך אַזוי אונגליקליך? דאָס זיסטע, דאָס שעהנסטע פון לעבען זאָל ביי מיר זיין אַזוי ביטער אַזוי עקעלהאַפט.. מיין גליק געפין איך אינ'ם אויסמיידען דאָס גליק... עפּעס האָט איהם אָנגענומען אַ חשק זיך ביטער צו צולאַכען באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָהנט אַז דאָס קאָן זי נאָך אויפוועקען און דאַן און דאַן... ער האָט מעהר נישט געקאָנט טראַכטען אָן עקעל האָט איהם אַרומגענומען, ער האָט דער־פיהלט גלייך ווי עפּעס אַ קאַלטע שלאַנג וואָלט זיך אַרום זיין קערפּער אַרומגעוויקעלט און ער האָט זיך אין גאַנצען אַ טרייסעל געטהון...

לאַנגזאַם און שטיל ווי אַ גנב האָט ער זיך אויסגעטהון, אריינ־געלייגט אין בעט, געעפענט אַ בוך און געפּרובט געפינען רוהע צו זיין ליידענדע זעלע אין די ליעבעס געשפּרעכען פון דאָן קאַרלוס.

— שוין צייט דעם לאָמפּ צו פערלעשען! האָט זיך פּלוצים גע־הערט איהר שטימע.

— באַלד באַלד — האָט ער זיך ווי געבעטען — אָט ענדיג איך ס'לעזען.

— גאַנצע נעכט נור לעזען, נור לעזען...

ער האָט גוט פערשטאַנען דעם פאָרוואורף נור ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אַ צייט איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם אָבער פּלוצים האָט ער דערהערט אַ פערשטיקטעס געוויין. ער האָט אונ־טער געהויבען דעם קאָפּ און דערהערט ווי זי כליפּעט. דאָס האָט איהם פון בעט אַרויסגעהויבען און אַ דערשראָקענער איז ער צו צו איהר בעט.

— וואָס איז דיר? וואָס וויינסטו? זאָג, ס'איז דיר עפּעס?

זי האָט נישט געענטפערט נאָר דאָס וויינען איז שטאַרקער גע־וואָרען. אין דיעזער מינוט האָט ער זיך געפיהלט זעהר שולדיג.

—כ'איז דיר עפּעס נישט גוט? זאָג, וואָס איז דיר? — האָט ער פול מיט צערטליכקייט ווידערהאָלט — געבען דיר עפּעס? אפשר א ביסעל וואסער?

— ניין, האָט זי קוים זיך געלאָזט הערען און דערביי זיך מיט'ן פּנים צו איהם איבערגעדרעהט. איהרע אויגען זענען געווען רויט פון וויינען, טראָפּענס טרעהרען זענען שטעהען געבליבען אין די פּאַקען גריבעלעך פון איהר געזיכט, פון דאָרט האָבען זיי זיך געקייקעלט ביז צו דער קורצער האלב־פּעריסענער קארטאָפּלע נאָז, דאָרט זענען זיי א ווילע שטעהן געבליבען און באלד האָבען זיי זיך צוגאָסען אין קרומע זייטיגע וועגען.

אין דיעזען מאָמענט האָט זי אויסגעזעהן אזוי העסליך, אז ניט ווילענדיג האָבען זיך זיינע אויגען אָבגעווענדעט פון איהר אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זי איהם פּארן האנד אָנגעכאַפּט און געצויגען צו זיך. ער איז ווי א שטיק ליים אָהן לעבען אויף דעם רוקען פון בעט זיצען געבליבען. און דאָ האָט זיך פּאר איהם אָנ־געהויבען אַן אינערליכע מאַטערנייש. זיין נשמה האָט זיך געריסען אוועק, אין א וועלט פון שעהנהייט, פּאָעזי און ליעבע... זיין מענש אין איהם אָבער פערלאַנגט ער זאָל זיך נישט ריהרען פון אָרט נור בלייבען נעבען איהר; זי ליידעט, ער איז אזוי שיין און וואָס איז זי שולדיג אז די נאַטור האָט זי אזוי העסליך געמאַכט.

— ווי א ליימענער גולם! האָט זי פּלוצים א מרוטשע געטהון און זיין האַנד פון זיך אוועקגעשליידערט.

אַן אויפּלעבונג איז אויף איהם געקומען, ער האָט זיך פּלוצים דערפיהלט פריי... די פריייהייט האָט איהם אָבער וועה געטהון, ער האָט געפיהלט איהר לאַגע און האָט געוואָלט עפּעס טהון פּאר איהר אָבער וואָס — האָט ער אליין נישט געוואוסט.

— פיהלסט זיך שוין בעסער? אפשר א שטיקעל פּאָמעראַנץ? — האָט ער ענדליך ארויסגעשטאַמעלט

— זאָל זיין.

פון'ם פּאָמעראנץ וואָס ער האָט איהר דערלאַנגט האָט זי איהם א האלבען, די גרעסערע העלפט דערלאַנגט און אליין האָט זי אָנגע־הויבען קייען מיט די פּעדערשטע צייהנער, געזשאַמזשעט און גע־זשאַמזשעט און דערביי האָט זיך איהר לאַנגשפּיציגע גאָמבע מיט דעם אונטערשטען קאסטען ארויסגעשטאַרטע צייהנער אזוי מאָדנע בעוואויגען אז דאָס האָט געראָבט פון איהם דעם גאַנצען אַפּעטיט צו עסען די אַנדערע העלפט פון דעם פּאָמעראַנץ.

— פּארוואָס עסטו נישט? האָט זי קייענדיג איהם געפרעגט און ווידער אמאָל זיין האנד' אָנגענומען. ער האָט א ציטער געטהון.

עס איז איהם פּלוצים אַ שפּילקעדיגע קעלט אין אַלעביינער זיינע דורכגעלאָפּען. אָה, ווי אונגעוועהנליך קאַלט עס איז איהר האַנד. אייז, אַ שטיק אייז... און דאָך האָט ער זיך נישט בעפרייט פון איהר האַנד ער האָט בלויז אַ זאָג געטהון: „אוי ווי קאַלט“.

זי האָט געמיינט אַז עס איז איהם קאַלט צו שטעהן באָרפיס אויף דער ערד האָט זי זיך אַביסעל אָבגערוקט און איהם געוואָלט זאָגען: „ס'בעט איז אויסגעווארמט, אַ מחיה“ אָבער אַנשטאָט דעם האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט: „נאָך אַ קליין ביסעלע, שטעה נאָך אַביסעלע...“

די ווערטער איהרע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַזוי פיעל באַגעהר, אַז אַ וועלט מיט געפיהלען האָבען זיי ביי איהם אַרויסגערופען. ער איז געוואָרען צו איהר פול מיט מיטלייד, ער איז נאָהנטער צום בעט צוגעטראָטען. זי האָט זיך נאָך מעהר צום וואַנד צוגערוקט פאַר איהם אַן אָרט געמאַכט און ער האָט נאָך אַלץ געקלעהרט. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ געלעכטער פון דער עס שטוב. דאָס געלעכטער האָט איהם ווי מיט אַ מעסער דורכגעשניטען, און עפּעס האָט איהם אויסגעוויזען אַז דאָס לאַכט מען פון איהם. יאַ, פון איהם לאַכט מען עס דאָרט איצטער, פון איהם... ער, אַזאַ שיינער יונגער מאַן זאָל מיט אַזאַ...

ער האָט זיך אַליין איבערגעריסען די געדאַנקען. צו העסליך און צו האַרצרייסענד איז געווען דאָס בילד וואָס איהם האָט זיך איצטער פאָרגעשטעלט און אַ האַס, אַ ברענענדער האַס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען צו זיין טאַטען, דעם געלד פערגעטערער, צו זיין שווער, דעם בעטריגער און ענדליך צו זיך אַליין.

דערווייל האָט זי זיין האַנד צו זיך מעהר צו געצויגען און זי אויף איהר גלאַטיגען האַלדז אַרויפגעלייגט. זיין האַנד איז אין אָנפאַנג געלעגען אָנבעוועגליך דאָס גלאַטיגקייט אָבער און די היץ פון איהר ליידענשאַפטליכען קערפּער האָט אין איהם ערוועקט אַ וואַרעמעס געפיהל און מיט דער קראַפט פון אָט דעם געפיהל האָט זיך זיין האַנד אָנגעהויבען בעוועגען אָבער פּלוצים האָט ער אַ ציטער געטהון און מיט זיין גאַנצער קראַפט האָט ער זיך געריסען פון איהר האַנד לויז צו ווערען.

דאָס האָט אויף איהם איהר אייז געפרוירענע האַנד אַזוי שלעכט געווירקט. די קאַלטע דאַרע פינגער וועלכע זענען געווען פייכט פון דעם זאַפּטיגען פּאָמעראַנץ האָבען איהם ווי מיט מעסערס זיין לייב געשניטען, אַ שוידער איז איהם אַלע זיינע ביינער דורכגעלאָפען עפּעס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַז טויטע בּיינער האָבען אָנגעכאַפּט זיין האַנד און דרוקען זיי צו צו מאָגע אויסגעדאַרטע ביינער אי־

בערגעצויגען מיט א דינע הויט אויף דעם אָרט וואו עס דאַרף זיין אַ ברוסט, א הויבע לעבענספולע פרויען־ברוסט.

ער האָט זיך פון איהר א ריס געטהון, געוואָלט זיך בעפרייען אָבער זי האָט איהם אזוי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט און ארויסגעשעפטשעט זיין נאָמען אזוי צערטליך, מיט אזוי פיעל געבעט, אז ער האָט פאַר קיין פאַל ביי זיך נישט געקענט פועל'ן זי צו פערלאָזען. אַגב האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיינע פליכטען געגען איהר אלס מאַן. זי איז א יונג ווייבעל, זי היט אָב יודישקייט און ווי האָט ער דאָס רעכט אזוי צו לעבען איבערהויפּט נאָך אין אזא נאכט ווי היינט. ניין, היינטיגע נאכט מוז ער! אלע קרעפטען דאַרף ער אָנווענדען, צומאַכען די אויגען דאַרף ער, דעם לאָמפּ דאַרף ער אויסלעשען, פינסטער זאָל זיין, וועט ער נישט זעהן איהר געזיכט און אין דער פינסטער קאָן ער זעהן זיין אידעאל, איהר שעהנעם געזיכט, איהרע שמאָלענקע האלב־צוגעמאַכטע מאַנדעל אויגען, איהרע רייצענד רויטע ליפּען און די בלויע בלוזע, די דורכזיכטיגע... אָה, ווי וואָלט זיך איהם געוואָלט זעהען אָט די דינענקע בלוזע! נישט צוגעדריקט, נישט געקוועהלט וואָלט ער איהר נור גלאַטיג ווייך וואָלט ער איהר געגלעט, ארומגעהילט און צוגעטוליעט אזוי ליעב אזוי ליעב...

און א צאַרטעס, וואַרמעס געפיהל האָט איהם ארומגענומען און מיט'ן גאַנצען כח האָט ער זיך א ריס געטהון צו געהן דעם לאָמפּ פערלעשען...

אין דיעזען מאָמענט האָט זי זיך פּלוצים מיט כעס אזא וואָרף געטהון אז דאָס בעט האָט א טרעשטש געטהון און פול מיט גיפט האָט זי אויסגעשריען: נור אויסגעדרינגען אין דער מאַמעס בויך האָב איך געדאַרפט ווערען.

און איך אויך — האָט ער אָבגעענטפערט און איז אריין צו זיך אין בעט.

ניו יאָרק — י. פאלער.

ביים רבינ׳ס טיש

א גרויסע פיער־עקיגע דאווען־שטוב, פול מיט יודען.

ביז איצט, האָט נאָך פון די גרויסע זעקס פענסטער, וועלכע זע־נען אָבגעטיילט צו דריי אויף א וואנד — אָבגעשלאָגען א מאטער שיין, וועלכער האָט זיך ווי אין א שטילען קאמפף געראנגעלט מיט דער אָנקומענדער פינסטערניש. ביסלעך־ווייז אָבער, האָט די פינס־טערניש אלץ מעהר דעם שיין פערשלונגען, אלץ זיכערער זיך אין יע־דען ווינקעל פערשפרייט, און ענדליך די גאנצע שטוב ווי אין איין שווארצען שאטען איינגעהילט.

אויב׳ן־אָן, ביי א לאנגען ברייטען טיש, וועלכער איז פון ביידע זייטען בעזעצט מיט חסידים, — זיצט דער רבי און פראוועט דעם שלוש־סעודות.

א הייליגע שטילקייט הערשט אין דער שטוב.

דער רבי זאָגט תורה...

כמעט אלע וואָס געפינען זיך ארום טיש, זענען צונויפגעדריקט מיט איינגעהאלטענע אָטעמס, אלץ נעהענטער צום „אויב׳ן־אָן״; אלע זענען צונויפגעגאָסען ווי אין איין קנויל, ווי אין איין שווארצען פלעק, — יעדער וויל הערען דעם רבינ׳ס הייליגען קול, יעדער וויל אויפכאַ־פּען זיינע הייליגע ווערטער.

און די ווערטער פונ׳ם הייליגען צדיק ציהען זיך, קלינגען אָב, באלד אין א בייזער, באלד אין א שטילען אנגענעהמען ניגון, און צו־גיסען זיך אין דער טיפקייט פון די צוהערערס נשמות, גלעטען זייערע הערצער, און פערטראָגען זיי ערגעץ אין א העכערער וועלט, אין א וועלט פון הייליגקייט...

צווישען די צוהערער, שטעהט אויך ר׳ פנחס דער פּאָסעסאר, ווי מען רופט איהם, — א חסיד נאָך פונ׳ם „אלטען״ זכרונו לברכה... דער פּאָטער פונ׳ם „איצטיגען״...

פון קיין זאך האָט ר׳ פנחס ניט אזא הנאה פונ׳ם „איצטיגען״, ווי הערען פון איהם א שטיקעל תורה... דאָס קול, די תנועות — אינגאנצען אויפ׳ן „אלטען׳ס״ שנים...

שטעהט ר׳ פנחס מיט גרויס כונה, די הענד פערלייגט אויפ׳ן הארצען, דעם קאפ אראבגעלאזען, און אין זיינע רעיונות לעבט איצט אב דאס גאנצע געשטאלט פון׳ם „אלטען“...

ער זעהט זיין געבויגענעם קערפער, דאס גרויע שפיציגע בערדיל; דאס בלייכע פנים מיט די ליכטיגע אויגען, — און ער פיהלט בחוש, יענעמ׳ס רוהניות... יענעמ׳ס ברען...

* * *

ווייט ארונטער, נעבען דעם הינטערשטען טייל טיש, נאהענט פון טיהר, שטעהט חיים בער דער מלמד. ער האלט אנגעשפארט איין פוס, אויף איינע פון זיינע צוויי קוואס־קאנען, דעם קאפ אנגעשפארט אויפ׳ן עלענבויגען, און בערעבענט אויפ׳ן קאפ, וויפיעל גלאז קוואס ער האט דא היינט אויסגעגעבען, וועד עס האט געטרונקען, כדי מארגען, בלי נדר, צו־וויסען ביי וועמען צו מאנען...

לויט אבער חיים בער בערעכענט, איז ער פון׳ם הייגטיגען שבת ניט זעהר צופריעדען. פון די גאנצע צוויי קאנען, האט ער סך־הכל, אפשר זעקס, אדער זיבען גלאז קוואס פערקויפט; אפילו קיין האלבע קאן ניט... וואס גאט גיט א שבת, לויפט חיים בער׳ן דורך א געדאנק, ווערט אלץ ערגער... פאר׳ן „אלטען“, זכרונו לברכה, פלעגט ער שוין אין דער צייט קיין קאפ קוואס ניט האבען... גאר אנדערע צייטען דאן געווען...

קיין תרעמות אויפ׳ן „איצטיגען“, האט ער חלילה אפילו ניט דערפאר, דעם אמת אבער, קען חיים בער ניט פערלייקענען! ער מוז מודה זיין, אז ס׳פעהלט עפיס.... אז ס׳איז ניט דאס וואס געווען... נישטא יענער עולם, נישטא יענע התלבות — אלץ רחמנא לצלן, עפיס ווי אבגעהאקט געווארען...

שטעהט חיים בער א פערטראכטער, און עס וואלט זיך איהם שוין זעהר וועלען אהיים געהען. ער האט שוין אפילו בדעה געהאט לאנג א היים צו געהן — וויל ער אבער בכיון ווארטען ביז נאך הבדלה, כדי צו קענען זיך היינט זעהן מיט נחום דעם „ארענדאר“. שוין א שטיק צייט אז ס׳קומט איהם ביי איהם פאר א פאר גלאז קוואס, און יענער מאכט זיך ניט וויסענדיג... ער ווייס אז וועט ער איהם היינט ניט זעהן, קען ער ווידער דארפען ווארטען, ווער, ווייס ווי לאנג, ביז נחום וועט ווידער ווען ס׳איז קומען אין שטאד אריין אויף א שבת...

גלאט אבער פלוצלונג צוגעהן צו נחום׳ען מאנען דעם חוב, קען חיים בער ביי זיך ניט פועל׳ען. פארט אן אלטער געוועזענער בעל הבית זיינער... כמעט אלע קינדער זיינע, ביי איהם תלמודים געווען...
מאכט חיים בער ביי זיך אב, אבצו־ווארטען נחום׳ען, נאך

הבדלה, אויף דער סטאַנציע, פֿערפֿיהרען מיט איהם פֿריהער אַ שמועס מכה עפּיס אַן ענין, און דאַן ערשט, בייטען ער זאָל קיין פאַראיבעל ניט האָבען, און איהם וועגען דעם חוב דערמאָנען...

* * *

ניט ווייט פֿון טיש, אויף אַ לאַנגער באַנק, נעבען אַ ברייט־גע־מויערטען אויבען, זיצען אויסגעזעצט אַ גאַנצע רייהע יודען פֿער־טיעפט אין פֿערשיעדענע ענינים.

צווישען זיי, זיצט אויך שמואל דער קצב. דאָס שטר־יימעל איז ביי איהם פֿערדרוקט אויף אַ זייט, די הענד פֿערלייגט אין אַ פֿערזאָרג־טער פּאָזע, און ער קען זיך קיין עצה ניט געבען וועגען אַ שווערען ענין.

די לעצטע צייט, איז ער פּשוט אויס מענש! עס האַלט זיך ביי איהם שטענדיג אין איין טרפה'ענען... עס האָט איהם שוין ממש בדול הדל געשטעלט!

קלערט שמואל דער קצב, נאָך הבדלה, דורכצושמועסען זיך וועגען דעם מיט'ן רבי'ן. ער קלערט, אפשר האָט עס עפּיס אַ שייכות מיט'ן שוחט: אַ יונגער שוחט, אפשר פערקוקט ער אמאָל...

אַ חוץ דעם, ישוב'ט ער זיך, צו זאָל ער פּאַר איין־וועג מאַכען מיט'ן רבי'ן אַ טענה, וועגען אָברעכענען זיך... שוין קנאַפּע זעקס הדשים, אַז מען האַלט ביי איהם אהער אין איין באַרגען פלייש, און עס נעהמט קיין סוף ניט!.. איין גאָט ווייס דעם אמת אַז ס'איז איבער זיינע כוחות...

ער ווייס אפילו, אַז אין אַזעלכע זאַכען מישט זיך דער רבי ניט. מיט דער רבי'צען אָבער, קען ער קיינמאָל צו קיין כּוח ניט קו־מען: פֿון איין וואָך צו דער צווייטער, האַלט זי איהם אין איין „פיהרען", און איין צוזאָגען... איינפּאַך, עס איז איהם שוין מיאוס און מאוס מאָנענדיג.

שלאָגט זיך שמואל מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טהון. אין גאַנ־צען וועגען דעם שווייגען, טהוט איהם פּשוט וועה דאָס האַרץ; אַזוי פֿיעל שווער פֿערהאָרעוועט בלוט אָנגעבאָרגט... מאַכען ווידער מיט'ן רבי'ן וועגען דעם אַ טענה, האָט ער מורא אפשר וועט ער נאָך עפּיס קאַליע מאַכען...

זיצט שמואל פֿערטיעפט אין מחשבות, און קען זיך קיין עצה ניט געבען...

* * *

אביסעל ווייטער, אויף דער זעלבער באַנק, זיצט פייוועל דער בעל עגלה. אַ יוד נאָך אין די מיטעלע יאָהרען. ער הויבט זיך יעדעס מאָל אויף, זעצט זיך צוריק, און קען זיך פּאַר עגמת נפש קיין אָרט ניט געפינען.

שוין עטליכע וואָכען, אַז ער איז אָהן פרנסה געבליבען! ביז איצט פלעגט ער נאָך ווי ס'איז, דאָס ביסעל חיונה פון זיין פערדיל ציהען, — איז עס איהם אָבער פּלוצלונג אוועקגעפאַלען, און מעהר זיך ניט אויפגעהויבען... ער געהט אַרום, אַז דער מה הויבט זיך איהם פּשוט פאַר צרות! וואָלט ער געהאַט מיט עפּיס, וואָלט ער זיך דערווייל אַן אַנדער שטיקעל פרנסה געזוכט. איז איהם אָבער אַזוי ביטער, אַז ס'איז אין שטוב להלוטין קיין שטיקעל ברויט נישטאָ, מיט וואָס אפילו אַ טאָג איבערצוקומען...

הוץ דעם, עגבערט איצט פייוועלען אַ געדאַנק, וועגען גאָר אַן אַנ־דערע זאַך.

הינטער דער אָפּגענער טיהר וואָס פיהרט פון דאַוווען־שטוב אין קיך אַריין, האָט ער ווען ס'איז ליכטיג געווען, געזעהן שטעהן אַ גרוי־סען זאַק מיט קאַרטאָפּלעס.

ווי אַזוי דאָס איז געשעהען, קען זיך פייוועל אַליין קיין רעכנונג ניט אָבגעבען. ער ווייס נאָר, אַז ס'האָט איהם עפּיס ווי אַ ניט־גו־טער געהאַלטען אין איין שלעפּען, אין איין ציהען אהין...

אַ פּאָר מאָל איז ער אַזוי שטעהן געבליבען ביים זאַק, מעכאַניש דאָרט אַ ריהר געטאָהן מיט דער האַנד, און ווי דערשראָקען פאַר זיין אייגענעם געביין, איז ער יעדעס מאָל אַוועק אַ צוטראָגענער.

איינמאָל אָבער האָט ער מעהר ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, און ער האָט עטליכע פון די קאַרטאָפּלעס צו זיך אין קעשענע אַריינגעלייגט... ניט מעהר טאַקע ווי עטליכע... אפילו קיין פולע קעשענע ניט...

פייוועל פיהלט אָבער וועגען דעם אַ שטאַרקע חרטה און עס לאָזט איהם ניט רוהען. ער האָט זיך שוין עטליכע מאָל געלאָזט אהיים געהן און עס לאָזט איהם ניט דאָס האַרץ... ער האָט נאָך קיינמאָל יענעמס ניט בעריהרט, קיינמאָל נאָך קיין פרעמד'ס ניט נהנה געווען, אפילו וואָס אַ שפּילקע די ווערט איז...

איין גאָט ווייס אָבער דעם אמת, אַז ער איז ניט שולדיג, טרויסט זיך פייוועל אין האַרצען — פאַר זיינעט וועגען וואָלט ער דאָס אוודאי ניט געטהון; פאַר זיך, ווי־פאַר־זיך, ער קומט צום „טיש", ווי ס'איז, כאַפּט ער האָטיש אַ מאָל אַ לעפעל געקעכץ, אַ שטיקעל חלה... נאָר דאָס ווייב? די קינדער?... שוין צוויי וואָכען קיין שבת ניט גע־מאַכט...

ניו יאָרק   מ. אַדערשלעגער.

איבער׳ן כוח

(אַ חסידישע מעשה)

— אויב מ׳וויל פֿערשטעהן דאס גרויסקייט פֿון אַמאָל, דעם אמת׳ן כח פֿון אַ פּארצייטיגען צדיק, איז גענוג אַז מ׳דערמאָנט זיך אין אַ פּארצייטיגען חסיד. דאמאָלס וועט מען שוין ממילא פֿערשטעהן דעם חלוק פֿון אמאָל ביז היינט.

אודאי איז שוין היינטיגע צייטען נישטאָ דער ברען, דער כח הקדושה, דאס אמת׳ע מסירות נפש, וואָס אמאָל. היינט טהוט מען לויט׳ן כח — האָט מען געטהון איבער׳ן כח.

איהר האָט אמאָל געהערט פֿון ר׳ משה׳לע סאטינער? גאָר נישט געהערט? אַ חידוש! וועלכער סאַנדצער חסיד האָט עס נישט געהערט פֿון ר׳ משה׳לען?

אודאי, איהר זייט אלע יונגע לייט און זייט נישט שטאַרק בקי אין חסידות; איך בין שוין קיין־עין־הרע איבער שבעים, און איבערגעלעגען אלע מיינע יאָהרען אין סאנדץ.

אויב איך האָב איהם געקענט? אַ שעהנע שאלה. קודם־כל בין איך אליין אַ געבוירענער אַ סאַטינער, און יונגעלווייז האָבען מיר אין איין חדר געלערנט, אמת׳ע חברים געווען. דערנאָך האָב איך איהם אויך געזעהען פּיער, פֿינף מאָל אַ יאָהר אין סאנדץ אליין, ווען ער איז שוין געווען אַ תושב אין הויף. איך האָב אפילו די זכיה געהאַט ביי זיין לויה צו זיין. נור דאס אליין איז שוין אַ מעשה פֿון עטליכע־און־פֿערציג יאָהר.

זעהט איהר, אָט דער ר׳ משה׳לע איז געווען אַן אמת׳ער חסיד, אַ פּארצייטיגער חסיד; נישטאָ היינט אזוינע יודען.

דער פֿאָטער זיינער, ר׳ חיים׳על, איז געווען אַ יוד, אַ למדן מופלג; געמאַכט אַ חבור אויפֿ׳ן רמב״ם. דערצו איז ער געווען אַ גביר, אַן אדיר; אין סאַטינע האָט מען איהם געשאַצט ביז ק״ן אלף. ס׳איז נישט געווען אַ קינד אין סאַטינע אָדער אין דער סביבה, וואָס האָט נישט געהערט פֿון ר׳ חיים׳לען.

איז ער אָבער געווען אַ געפֿעהרליכער מתנגד; געמאַכט חוזק, רחמנא לצלן, און געשיט פֿעך און שוועבעל.

מ׳האָט עס אפילו אמאָל דעם אלטען ז״ל דערצעהלט; האָט ער געענטפֿערט בניחותא: ווען נישט דער כבוד התורה, וואָלט

ר׳ חיים׳על שוין אין גאנצען אויפגעהערט רעדען. נור וואס דען? אויב ר׳ חיים׳על איז אזא קאלטער מתנגד, וועלען שוין זיינע קינדער הייסע חסידים זיין.

וכך הוה! ר׳ משה׳לע איז שוין געווען אזוי אריינגעלאזט אין חסידות און האט געהאט אזא אמונה אין רבי, אז דער אלטער האט אויף איהם אמאל געזאגט: מי כעבדי כמשה! איהר פערשטעהט? דאס איז שוין גאר קיין קלייניגקייט נישט.

און ווי ווייט זיינע יראת שמים איז געווען, און ווי ווייט זיין אהבה נאמנה צום אלטען ז״ל איז געגאנגען, וועט איהר שוין פון דעם פערשטעהן:

דארטען טאקי, אין סאטינע, איז געווען אן אנדערער גביר, ר׳ לייזער׳ל העניעס; אויך מיט דער רי״ש, ווארום ער איז געוועזען א גרויסער בן־תורה און א מיוחס פון דער ערשטער פאהן.

דער ר׳ לייזער׳ל האט געהאט א בת יחידה; האבען זיך די צוויי גבירים משדך געווען.

מילא וואס זאל איך אייך זאגען? עס איז געווען א שידוך צו גאט און צו לייט. קודם־כל אזוינע צוויי מחותנים; צוויי ספרי תורות. דער חתן, אן עלוי, א ירא שמים, א ספרא רבא; די כלה, א יפת תואר, א צנועה, אן אמת׳ע בת מלכה. און דערצו נאך, האט מען געסילוקט צו טויזענד רענדלעך במזומנים, חוץ מתנות אין התונה קליידער כיד המלך. פון קעסט עסען איז שוין אבגערעד; ו ו י פ י ע ל דאס פאר פאלק וועט נור אליין וועלען.

איהר קענט אייך שוין אליין משער זיין, וואס פאר א חתונה דארטען איז געוועזען; ממש, סעודת שלמה בשעתו. נור נישט דאס בין איך אויסען. איך וויל אייך נור אויסברייננגען ווי ווייט דעם אלטענס כח איז געוועזען. אזוי ווי ר׳ משה׳לע איז נור ארויס פון דעם פאטער׳ס רשות, איז ער באלד קיין סאנדץ געפאהרען, און דעם שווער זיינעם האט עס דוקא נישט געארט. אט דאס הייסט ויגזור אומר ויקום לך; אז דען אלטער ז״ל האט ארויסגערעדט א ווארט, האט מען אין אלע זיעבען הימלען געציטערט.

אזוי זענען אוועק א דריי יאהר און די אהבה צווישען רבי און תלמיד האט געהאלטען אין איין וואקסען; ר׳ משה׳לעס דביקות איז געווען אין לשער.

מאכט זיך אמאל א מעשה און ר׳ משה׳לע הערט אויף צו פאהרען. דאס איז געווען שבועות־צייט און ר׳ משה׳לע האט קיינמאל נישט אויסגעפעהלט צו זיין ביים רבי צו קבלת התורה.

אין הויף האט מען געלערנט פערשיעדענע פשטים; נור רוב דעות איז געוועזען, אז דער פאטער זיינער האט אויף איהם גוזר

געוועזן בגזרת כבוד־אב נישט צו פאָהרען. ווען מ'האָט עס דעם אַל־טען געזאָגט, האָט ער געהוידעט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. „משה'לע", האָט ער געזאָגט, „געהט איצטער דורך אַ שווערען נסיון; און וועט ער איבערשטעהן דעם נסיון וועט ער צו מיר מעהר נישט פאָהרען". מיר האָבען לחלוטין נישט פערשטאַנען דעם אַלטענס כונה, נור אַז ער האָט געזאָגט האָט ער מ'סתם געוואוסט וואָס ער זאָגט.

שפּעטער האָט מיר ר' משה'לע אַליין דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט; איהר וועט הערען און שטוינען.

אַ צוויי וואָכען פאַר יענעם שבועות, איז ער אויפגעשטאַנען, כדרכו, אָברעכטען חצות. דאָס איז געווען געגען דריי אַ זייגער פאַרטאָג און ס'האָט נור וואָס אָנגעהויבען ליכטיג צו ווערען. אַזוי ווי ער איז שוין געווען אָנגעטהון און האָט געוואָלט ארויסגעהן פון'ם שלאָפשטיבעל אין זאַל אריין, האָט ער נישט ווילענדיג אַ קוק געטהון אויף זיין ווייבעל, וועלכע איז געלעגען אין אַנדערן בעט און געשמאַק געשלאָפען.

באותו הרגע, האָט ער מיר דערצעהלט, איז ער עטוואָס צומישט געוואָרען און עפּעס אַ מהשבה זרה איז איהם פּלוצלונג אין קאָפּ אריין... איהר מוזט נישט פאַרגעסען, זי איז געווען אַ זעלטענע פאַרשוין, אַן אמת'ע יפת־תואר.

ער איז שנעל אַרויס אין זאַל אריין און אָנגעהויבען זאָגען שערי־ציון מיט כונה מיט שברון־לב; ער האָט געוואָלט דעם שטן המשחית גובר זיין. נור ס'איז נישט געגאַנגען. ער האָט אפילו נישט געקענט קיין פּירוש המלות מכון זיין.

פע, עפּעס אַ מיאוס אָנשיקעניש!

פערמאַכט ער גיך דעם שערי־ציון און טהוט זיך אַ נעהם צום תיקונים. ער זאָגט מיט אַ ברען אין האַרץ, גראָבט איין דאָס פּנים אין ספר, אפשר וועט ער פאָרט גובר זיין. נור, רחמנא לצלן, ס'איז נאָך ערגער. די ווערטער קומען ארויס מן השפה ולחוץ, ער דערקענט שוין אַ באַלד נישט די עברי. די הרהורים רעיס לאָזען איהם נישט רוהען, אין קאָפּף האַקט ווי מיט אַ האַמער, דאָס האַרץ קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן.

ער הויבט זיך אויף און דרעהט זיך אַרום איבער'ן זאַל; ער וויל מהרהר בתשובה זיין; נור ער פיהלט ביי זיך אין האַרצען, אַז ער וועט נישט פּועל'ן.

אַזוי האָט ער זיך ארומגעדרעהט אַ שטיק צייט, נור — קיין חצות האָט ער שוין יענעם פאַרטאָג נישט אָבגערעכט...

מילא וואָס ער איז דערנאָך אויף שבועות נישט געפאָהרען, האָט מען גערעכענט, אפשר האָט ער זיך מישב געווען און וויל

גישט מעהר פּאָהרען; און אפשר לאָזט דער פּאָטער נישט. נור וואָס ער האָט אויפגעהערט צו קומען בייטאָג אין קלויז אריין לער־נען, אויף דעם האָט מען זיך שוין דוקא יאָ גע'הידוש'ט. דער שווער זיינער איז אפילו אויך אַ ביסעל ברוגז געווען, ווארים אין אמת'ן ווי זיצט עס עפּעס אַ יונגערמאַן אַ גאַנצען טאָג אין דער היים?

נור וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין? אויף ימים נוראים האָט מען גערעכענט בלי שום כל ספק אַז ער וועט פּאָרט פּאָהרען, נור ער איז אַלץ געבליבען אין דער היים.

שטעהט דאָך אָבער פּאָרט צדיק גוזר והקב"ה מקיים, דער אַלטער סאַנדצער האָט דאָך פּאָרט געזאָגט אַז ר' חיים'לס קינדער וועלען זיין חסידים, מאַכט זיך אַז דער סאַנדצער אַליין קומט אַראָב קיין סאַטינע אויף שבת שירה. נו, מוז שוין ר'משה'לע געהן צום רבי. כולי האי?

געבליבען ביחידות זענען זיי אַן ערך פון דריי שעה, נור וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען ווייסט מען נישט עד היום. ר' משה'לע אַליין האָט קיינמאָל נישט דערצעהלט. נור וואָס דען? ווען דער אַלטער איז צוריק אַהיים געפאָהרען איז שוין ר' משה'לע מיטגע־פאָהרען און איז שוין טאַקי געבליבען אין סאַנדץ כל ימיו.

אָט דאָס איז געווען דעם אַלטענס כונה, אַז ר' משה'לע וועט שוין צו איהם מעהר נישט פאָהרען.

דער שווער אָבער האָט געליאַרעמט; דער פּאָטער האָט נישט געוואָלט הערען פון איהם. סטייטש? איבערלאָזען אַזאַ נגיד'ישאַפט, אַזאַ גוטס, און זיך געהן וואַלגערן אין סאַנדץ, מעשה יושב? היתכן? ס'איז דאָך אַ הימעלגעשריי. דערנאָך האָט מען אויפגעשטעלט מענ־שען, מ'האָט גע'טענה'ט אַהין און אַהער, מ'האָט געאַרבייט מעשים; נור ס'האָט נישט געהאָלפען.

דער שווער האָט אפילו געוואָלט זיי זאָלען זיך גט'ען; איז ער בעשטאַנען, נור זי האָט נישט געוואָלט הערען דערפון; כאָטש פולט איהר אָן אַ שטוב מיט רענדלעך.

אַכט יאָהר איז ער געלעגען אין סאַנדץ און מקורבים האָבען דערצעהלט, אַז עס פלעגט נישט אַוועקגעהן אַ טאָג וואָס ער זאָל נישט זעהען דעם אַלטען און מיט איהם רעדען סתרי תורה. די אהבה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָכ'ן אַלטענ'ס פטירה, פונקט צו די שלושים, איז ר' משה'לע אויך נפטר געוואָרען. ס'האָט איהם גע־צויגען צום אַלטען.

אָט זעהט איהר, דאָס הייסט אַ פאַרצייטיגער חסיד.

ניו יאָרק. **צבי ז' שלום.**

אַ לבנה נאַכט

די לבנה אַ בלאַסע אין קרייז פון די שטערען שוועבט אום אין דער הויכקייט פון די טיעף בלויע הימלען, און גיסט איבער ימים, בערגער און טהאָלען איהר מאַט בלאַסעם ליכט, און אלעם ווערט ווי מיט זילבער בעשפריצט, און שיינט אין דער נאַטירליכער שטילקייט ארויס. עס שפיגעלט דאס טייכעל אין זיך די לבנה און קנויטשט זיך געגען איהרע בלאַסע שטראהלען, צירקלענדיג אַ זילבערנעם זוים.

די בוימער שטעהען מיט אויסגעשטרעקטע צווייגען, אויף וועלכע עס פינקעלט דער ווייסער, פון נאָך קיינעם בעריהרטער, געפאַלענער שנעע, און זיי ווייזען אויס ווי געהיימע געשטאַלטען, מלאכים מיט דינע, זילבערנע פליגלען אויסגעשטרעקט אין דער בלאַסער נאַכט, פערטיעפט אין וואונדערליכע סודות... די הויכע בערג פון ווייטען קוקען אויס ווי ריזיגע פאַרטראַכטע פיגורען, גרויסע קערפערס, לאַנגע שמאָלע העלזער — און נאָך אַמאָל אַזעלכע גרויסע ווייסע קעפּ... ס'איז שטיל, וואונדערליך שטיל, — קיין מענש! קיין פויגעל! עס שימערען די שטערען אין דער הויך און בייטען זיך אָפטמאָל איבער מיט זייערע פּלעצער, פאַלען ארונטער, ווערען אויסגעלאָשען, און אַנדערע פאַרנעמען זייערע ערטער, און פינקלען און שימערען אין דער הויך... און אלעס ארום — דער טייך, דער וואלד, די בערג און די טהאָלען, הימעל און ערד — זענען מיט אַ בלאַסליכע פערטראַכטקייט פערצויגען!

ערגעץ פון גאַנץ ווייט האָבען זיך צוויי ווייסע וועגען געצויגען, און וואָס ווייטער זענען זיי פאַרלאָפען אין אַ שאַרפע שמאָלקייט, ביז זיי זעהען, דוכט זיך, צו די הימלען צוגעקומען; אַ פייערעל האָט ערגעץ אין דער ווייט געשמינקעלט, און אין דער בלאַסער נאַכט האָט ער אויסגעוויזען ווי אַ ברענענדער פונק אין דער לופטען — און שאַ, שטיל! די גאַנצע נאַטור איז פערזונקען אין אַ וואונדערליכען טרוים...

אַ מענשליכע פיגור האָט זיך פלוצלונג אויף איינעם פון די וועגען באוויזען געהענדיג אַהין צום אָרט וואו דאס פייערעל האָט געברענט. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע, זיכערע טריט און זיין שטאַרקער, יונגער קערפער האָט אַ שאָטען איבער דעם שנעעווייסען וועג געוואָרפען, ווערענדיג אַמאָל גרעסער און אַמאָל קלענער. דער ווייכער שנעע האָט אונטער זיינע טריט קיין קלאַנג ניט געלאָזען... און די נאַכטליכע בלאַסע שטילקייט איז ניט געשטערט

געוואָרען. רוהיג, שטיל, האָט ער זיך ווי געגליטשט איבער דעם שנעע־ווייסען וועג, זיינע אויגען געריכטעט אהין וואו דאס פייערעל האָט געברענט, און וואָס נעהענטער ער איז געקומען, זענען זיינע טריט לאַנגזאַמער און רוהיגער געוואָרען, ביז ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט, האָט געוואָרפען אַ בליק אַרום און אַרום, און פּלוצלונג האָט אַ שאַרפער פייף די שטילע נאַכט צוטרייסעלט און האָט זיך צוטראָגען אין דער קיהלער לופט איבער באַרג און טהאָל, אַרויס־רופענדיג אַ ווידער־קלאַנג פון אַרום און אַרום; נור באַלד איז ווידער שטיל געוואָרען, נאָך שטילער ווי בעפאָר, אָט אַזוי ווי דער קלונג פון אַ גלאָק, וועלכער ווערט ביסלעך־ווייז פארשטאָרבען אין דער לופטען... דער שאָטען פון דעם מענשען האָט זיך לאַנג אויס־געצויגען איבער דעם ברייט פון וועג און איז אַ האַלבער ערגעץ אַראָפּגעפאַלען אין דער זייט און איז געבליבען אונבעוועגליך...

אין הייזעל וואו דאס פייערעל האָט געברענט האָט זיך אַ פענסטער געעפענט און אַ פרויען קאָפּ האָט זיך באוויזען; איהרע פעך־שוואַרצע האָר האָבען זיך ווי מיט דער בלאַסקייט פון דער לבנה געריצט, און האָבען געגלאַנצט געגען איהרע בלאַסע שטראַה־לען... זי האָט אַ וואָרף געטהון אַ בליק אַרום און אַרום, און ווען זי האָט איהם פון וויטען דערזעהן, האָט זי אויפגעהויבען איהרע אויגען אין דער הויך און האָט זיי לאַנגזאַם, ווי פארשעמט, צוריק אַרונטערגעלאָזען — — צוויי שטערען זענען אַרונטער געפאַלען, און עס האָט אויסגעוויזען ווי זי וואָלט זיי מיט איהרע בליקען צו זיך אַרונטער געצויגען. — —

דער פרויען קאָפּ איז פערשוואונדען און דאס פענסטער האָט זיך שטיל צוגעמאַכט, און גליך האָט זיך דער האַלבער שאָטען פון דער מענשליבער פיגור גענומען באַוועגען. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך צום הייזעל געלאָזען, און באַלד איז ער אין שאָטען פון הייזעל פערשוואונדען; אַ טיהר האָט זיך געעפענט לאַנגזאַם מיט אַ הייזעריגען סקריפּ, און זיך באַלד ווידער צוגעמאַכט ווי עפּעס מיט שרעקעדיגע שטילקייט, אַרויסלאָזענדיג איינגעהאַלטענע, ווי עפּעס אָבגעהאַקטע, קרעכצען, און שטיל! ווידער איז אַלעס ווי אין אַ שטילען טרוים פערזונקען — — דאס פייערעל פון הייזעל האָט זיך אויסגעלאָשען — — — אין דאס הייזעל איז אין שאָטען פער־שוואונדען. — — — די לבנה און שטערען, ביימער, בערג און טהאָלען האָבען זיך ווי צוגערוקט איינע צו די אַנדערע און האָבען זיך ווי איינגעהערט צום שטילען סוד, וואָס אין הייזעל איז פאָר־געקומען. — — —

סט. נאָרוואלק, קאָנג. יהושע עפּשטיין.

איינזאַמקייט

אַך, דער רעגען! — האָט איינער איבערגעריסען די טריב־פער'חלום'טע שטילקייט, אין וועלכער זיי זענען אלע געווען פער־זונקען. — עפּעס אַן אונגעוועהנליכער כח ליגט אין דעם הערבסט־רעגען! אין הערבסט האָט דער רעגען גאָר אַן אַנדער מין קלאַנג ביים פאַלען.

— אַ גאַנץ אַנדערען קלאַנג, — האָט מסכים געווען דער צוויי־טער, — ער איז ווי אַ טרייסטלאָזעס געוויין... ער טרייבט אויף אונז אַן אַ מין בענקעניש, עלענדקייט, איינזאַמקייט — — — —

איינזאַמקייט — —

עס האָבען זיך אויסגעצויגען עטליכע לאַנגע שווערע מינוטען. נור די טראָפּען רעגען האָבען איינטעניג געקלאַפּט איבער די שויבען.

— די איינזאַמקייט, — האָט ווידער איינער אָנגעפאַנגען מיט אַ פערקוועטשטען קול, — עס זענען דאָ פערשיעדענע מינים איינ־זאַמקייט... איך דערמאָהן מיך איצט אין אַ עפּיזאָד פון מיין לע־בען, ווען איך האָב די איינזאַמקייט געשפּיערט. דאס איז געווען אין אַ פערוואָרפענעם קליינעם שטעדטעלע. ווייסט איהר, וואָס עס הייסט ביי אַ גרויסשטעדטיגען, פערוואָרפען צו ווערען אין אַ קליין שטעדטעל? עס איז גאָר ניטאָ קיין גרעסערער אומעט! הויכע, פינסטערע בערג האָבען דאס פון אלע זייטען ארומגערינגעלט. דער הימעל האָט דאָרט, דוכט זיך, שטענדיג נידריג איבער דער ערד געהאַנגען און צוגעדריקט אלעס, די שטאָד מיט די מענשען צוזאַמען.

איין טאָג בין איך ווי אַ דערשלאָגענער, מיעד פון מיין אר־בייט געקומען. איך האָב מיך געפיהלט עפּעס עלענד און פערלאָזען. איך בין אין מיין צימער אריינגעלאָפען, ווי איינער, וואָס זוכט זיך פון עפּעס אונטערטעניגליכעס צו ראַטעוען. אָבער אין צימער איז אויך ניט בעסער געווען. שטונדען לאַנג בין איך ביים אויוון געשטאַנען, אין וועלכען דאס פייער האָט בשום אופן ניט געוואָלט ברענען... מיר האָט זיך אויסגעדוכט, ווי עפּעס אַ געשפּענסט האָט זיך אוועק־געזעצט נעבען מיר און מיר טיעף אין די אויגען אריינגעקוקט. דאס איז די איינזאַמקייט געווען... אָ, ניט אומזיסט איז די איינ־זאַמקייט פערעכענט אַלס איינע פון די גרעסטע שטראָף! זי ברייננגט מענשען פון זינען אראָפּ, זי מאַכט משוגע...

איך בין פון צימער ארויס. ס'איז געווען נאכט... ווי בייזע אויגען האָבען מיך אָנגעקוקט די איינעצוויגענע פייערלעך דורך די עטליכע פערשטויבטע פענסטערלעך, פון ביידע זייטען גאס. אינעווענינג אין זיי איז שוין אלעס געשלאָפען... פון הינטער די בערג האָבען זיך געהערט אָבגעריסענע, פערטויבטע קלאַנגען און מיר האָט זיך געדוכט, אז דאס האָט זיך די איינזאמקייט אויף א קול געקלאָגט פאר איימעצען אין דער שפּעטער נאכט אריין...

איך האָב געגאַנגען נאָך א לעבעדיגען מענשען, נאָך א לעבעדיגען קול צו הערען, פון דער פערשאָלטענער איינזאמקייט פּטור צו ווער־רען, אָבער — קיינער איז ניט געקומען... איך בין ביז'ן אנדערען עק שטאָדט געלאָפען. דאס רוב הייזער זענען געווען פינסטער, נור דורך איין פענסטער האָט זיך נאָך פייער געלויכטען. דאָרט האָט געוואָהנט דער שטעטעלשער דאָקטאָר און ביי איהם האָבען חברה אין קאָרטען געשפּיעלט... איך האָב מיין פּנים צו דער שויב צוגע־דריקט... איך האָב געזעהן זייערע צוברענטע פּנים'ער און בליטצענ־דיגע אויגען... איך האָב געהערט זייערע אָבגעריסענע קולות און קללות און די קללות האָבען מיר, ווי זיסע מוזיק געקלונגען... איך האָב מיר געוואונשען — איינער פון זיי צו זיין...

— ס'איז אמת, דו ביזט איינזאם געווען, — האָט זיך א צוויי־טער אָנגערופען, — אָבער נאָך שווערער, נאָך שרעקליכער איז יענע איינזאמקייט, ווען מיר געפינען זיך דוקא אין דער גרויסער, קאָ־כענדיגער פרעמדער שטאָד... די קאַלטע פרעמדע פּנים'ער, די איילע־ניש, מיט וועלכער איינער לויפט פערביי דעם אנדערען, די פער־גליווערטע גלייכגילטיגקייט אין בליק, ווען איין אויג בעגעגענט זיך צופעליג מיט א צווייטענס אויג, כמעט ביז שנאה גלייכגילטיג; דיר דוכט זיך, אלע מענשען זענען דיינע געפּעהרליכסטע שונאים, וואָס ווילען דיך מיט זייער גלייכגילטיגקייט און גרויזאמקייט אומברייג־גען... ווער שמועסט, ווען עס געפאלט נאָך אזא מין הערבסט־אבענר... אלעס איז חושך... די פייערלעך שווימען ארום און ציטערען אין נעבעל, ווי טריבע, רויט־געלע פלעקען, דאן פערליערט דער מענש זיין לעצטע ביסעל טרייסט, אז עס זענען דאָ ערגעץ ליעבע מענשען, וואָס זענען איהם נאָהענט און טהייער...די איינזאמקייט בעהערשט אונז דעמאָלט אזוי שטארק, אז אונז הערט זיך שוין גאָר אויף צו גלויבען, אז מיר וועלען אמאָל נאָך בכוח זיין פון איהר זיך ארויס־צורייסען...

— יעדענפאלס לעבט אין דיר אן עראינערונג, אז דו האָסט נאָך א היים, וואָס וואַרט ערגעץ אויף דיר, — האָט דער דריטער וועה־מוטיג און ביטער געזאָגט, — איך האָב מיך אויך אמאָל איינזאם

אין דער גרויסער וועלט געפיהלט, ווייט־ווייט פון מיין געבורטס־שטאָד... דאס הארץ האָט מיך תמיד אהיים געצויגען... געבענקט האָב איך נאָך איהר היילינע פער׳חלומ׳טע שטילקייט, נאָך מיינע אלטענקע פאָטער און מוטער, נאָך זייערע פשוטע מידות און פער־צייטיגע מנהגים, נאָך מיינע קליינענקע ברידערלעך און שוועסטער־לעך... אָ, ווי זיס איז מיר אין דער פרעמד די עראינערונג אָן דעם אלעם געווען!

און עס איז אַ צייט געקומען, ווען איך בין ווידער אין דער היים געווען — אָבער אלעס איז שוין דאָרט געווען אנדערש... עס האָט מיך געשווינדערט... מיינע עלטערען זענען מיר ליעב און טהייער געווען, איך האָב אָבער מעהר זייער לשון ניט פערשטאַנען און זיי האָבען מיין לשון ניט פערשטאַנען... מיינע ברידערלעך און שוועס־טערלעך זענען שוין ערוואקסענע מענשען געווען און זיי זענען מיר עפּעס, ווי פרעמד פאַרגעקומען, און זיי האָבען אויף מיר, ווי אויף אַ ווילדען געקוקט, און דעמאָלט האָב איך ערפאהרען, אַז עס איז נאָך אַ פיעל טרויריגערע איינזאמקייט פאַראַן, ווי יענע אין דער פרעמד — —

דער רעגען האָט גערוישט. דער לעצטער האָט געטראַכט און געשוויגען.

— און דו? — האָבען איהם זיינע חברים געפרעגט, — דו קענסט גאָר ניט דאס געפיהל פון איינזאמקייט?

— אויב איך קען דאס? — האָט דער פיערטער געענטפערט מיט אַ אומעטיגען קול, — איך קען אלע אייערע איינזאמקייטען און אויסער זיי — נאָך איינע...

— איך האָב אַמאָל ליעב געהאַט... וואָס איז דען ליעבע, ווען ניט אַ וועג פון דער איינזאמקייט צו אנטלויפען? דיעזע פערשאָל־טענע איינזאמקייט, וואָס פערפאָלגט אונז אויף שריט און טריט!... איך האָב ליעב געהאַט און מיר האָבען זיך איינער דעם אנדערען געשענקט דאס, וואָס צוויי ליעבענדע מענשען קענען זיך נור שענ־קען; מיר האָבען זיך פערשטאַנען, ווי צוויי יונגע מענשען קענען זיך נור פערשטעהן; מיר האָבען זיך געפרעהט, וואָס מיר זענען איינער דעם אנדערען אַזוי קלאָר, אַזוי אָפענהערציג געווען, אַזוי איינפערשטאַנדען אין אונזערע האָפנונגען, שטרעבען און ערוואר־טונגען...

און איין נאַכט — — מיר זענען הארץ צו הארץ געלעגען... איבער די שויבען פון די פענסטער האָט שטיל דער רעגען געקלאַפּט, און מיך האָט בעפאַלען אַן אומעט... איך האָב פלוצלונג דערפיהלט, אַז מיר זענען איינער דעם אנדערען פרעמדע געווען... קיין איין

אוינענבליק האָבען מיר זיך ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן... אָ, ווי איינזאם איך האָב מיך דערפיהלט!... איינזאמער, ווי שטענדיג.
און דאָך האָבען מיר אונז לײדענשאַפטליך געקושט...
מיט איינמאָל האָט זי, אָנגעשפּארט אויף מיין אָרעם, אָנגע־הויבען צו וויינען... שטיל, אָבער אזוי טרייסטלאָז־ביטער... זי האָט זיך גאָר ניט שטילען געקענט... פּונקט ווי דיעזער רעגען, וואָס קלאַפּט און קלאַפּט איבער די שויבען און זאָגט אונז די פינסטערע בשורה אָן, אַז ווינטער קומט...
איך האָב געזעהן, אַז אויך זי האָט איינגעזעהן, אַז מיר האָבען זיך ניט פערשטאַנען...
דאס איז דאס טרויעריגסטע פון אלעם — דאס געפיהל פון איינזאמקייט אין די אָרעמס פון דער ליעבע... דעמאָלט זעהט מען ערשט, אַז קיין אָרט, קיין אָרט אויף דער גאַנצער וועלט איז ניט פאראַן, וואוהין פון דער איינזאמקייט צו אַנטלויפען... דער מענש איז בעשאַפען צו זיין איינזאם...

ניו יאָרק. ש. אַדלער.

י. באַוושאָווער

(עטיוד).

א מאָדנע הולאת איז פאַראַן אויף דער וועלט. ביי די ווייבער און עלטערע מענשען, דערהויפּט מענשען געזעצטע, אויסגעניכטערטע פון די יוגענד־חלומות, הייסט זי מיט'ן פראַסטען וואָרט „פאַנסקא כוואָראָבאַ". די טייטשען האָבען איהר א נאָמען געגעבען „וועלט־שמערץ", „וועלט־וועה". און דעם אמת געזאָגט, הגם די דיאַגנאָזע פון די ווייבער און די געזעצטע מענשען איז א ביסעל א שטאָך די אָרימע הולאים נעביך, פון דעסטוועגען איז זי אפשר גראָד אזוי ריכטיג, ווי די טייטשעשע.
מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז פון דער דאָזיגער חולאת ווערען געפּלאָגט נאָר יחידי סגולה, די וואָס טראָגען אויפ'ן שטערן עפּיס א בעזונדערען צייכען. הלילה. אין א געוויסען עלטער, בשעת דער מת איז נור וואָס ארויסגעקראָכען פון די פאַנטאַסטיש־פערנעפּעלטע קינדערשע וויקעלעך, און נעמט זיך אָנשטויסען כסדר אויף די

היפכים פון לעבען, און אויף די היפכים געפינט ער קיין ענטפּער ניט, — אָט אין דעם עלטער לעבט איבער די מיאוס'ע קראַנקהייט כמעט יעדעס הערצעל, וואָס ווייס נאָך ניט פון מאַכען אַ פּשרה. און געבענטשט זענען יענע, וואָס וויקלען זיך אַרויס פון איהר, ווי פון פּאָקען און פון מאָזלען אָהן איין ראָץ אויף דער נשמה. זיי וועלען אין דער צייט חתונה האָבען, און רוהיג אויסלעבען די יאָהרען, און מיט אַ גאַנץ קלאָרען געוויסען (אפילו ביי וידוי זאָגען) זיך אַריבער־פּעקלען אויף די אמת'ע וועלט.

ווי די מעשה איז, קומען אָב ניט אלע אַזוי לייכט. אַ פּולע בלייבען מיט אַ סימן אין הארצען אויפ'ן גאנצען לעבען. איין טייל פון די „געצייכענטע“, ווען די ארומיגע סביבה זאָל זיין גינסטיג פאר אַקטיווע ארבייט, ווארפט זיך אריין אין אַ שטרייט מיט די בייזע רוחות פון דער וועלט. קעמפּפער פאר פרייהייט ווערען זיי, קעמפּפער פאר אמת און פאר יושר. ווען די סביבה איז אָבער אַזאַ, דאס זי בינד הענד און פיס, און דער מענש גופא האָט ניט אין זיך די שטאַרקייט פון ווילען בייצוקומען די שטערענישען, געהט ער אַוועק מיט'ן גלייכען וועג צום „האמלעטיזם“. ניט זיך קען ער העלפען, ניט אַנדערע, און מעהר ניט וואָס ער זיצט און קלאָגט אויפ'ן חורבן. מאָמענטענווייז פלאַמט אויף זיין פאַנטאַזיע, און עס דוכט זיך איהם, אַז ער איז אַ מין שמשון הגבור. אָט טהוט ער זיך אַ ריס פון אָרט, ברעכט די קייטען און נעמט איין די צוויושעטע שונאים. ער שטעלט זיך טאַקי אַנידער אויף די פיס, אָבער שוין נאָכ'ן צווייטען — דריטען טראָט מוז ער זיך אומקערען צו זיין פריערדיגען אָרט. וואָס פאר אַ שטרייטער איז ער, אימשטיינס גע־זאָגט, אַז איין פליעג קען איהם אומוואַרפען מיט אלע זיינע טיעפע און שווערע געדאַנקען . . .

אָט אונגעפעהר אַזאַ מין האמלעט איז י. ב אָ ו ו ש אָ ו ו ע ר, דער יודישער דיכטער פון „וועלט־שמערץ“.

וועגען דער סביבה, וואו ער האָט געלעבט און געשאַפען, איז דאָך אַ סך ניטאָ וואָס צו רעדען. ביי גרעסערע אָדלער פון איהם, ביי אמת'ע העלדען, האָט די דאָזיגע סביבה די פליגלען אראָבגעהאַקט. און די אונגעווייגליך שאַרפע סאָציאלע היפכים, וואָס דער דיכטער האָט געפונען אין אמעריקא, האָבען איין מאָל פאר אלע מאָל צוגע־דריקט זיין קאַמפּף־לוסטיגען גייסט, און פון דעם געפיהל פון שווער־קייט קען ער זיך שוין מעהר ניט בעפרייען. וואו ער טהוט זיך ניט אַ קעהר, זעהט ער פאר די אויגען משונה'דיג־ריעזיגע און משופע'דינע בערג, —אָהן אַ סוף זענען זיי, — און ניט פאר זיינע שוואכע כחות אַנצוגורטען די לענדער און אַרויסצוטרעטען אין אַן אָפענעם, מוטי־

גען קאמפף און צו האָבען אין זיך ביי דערביי די זיכערקייט פון א נצחון.

פערגלייכט אדרבא דעם ריכטער'ס ליעדער, וואו ער בעקלאָגט זיך אויף די אונגערעכטיגקייט פון דער וועלט, מיט יענע פון זיינע ליעדער, וואָס רופען צום קאמפף און שילדערן דעם קאמפף. און איהר וועט באלד דערפיהלען, אַז פאר די ליידען פון די מאסען, וועלכע

....זינקען אין טייכען פון טרערען
און שלאָפען בעדעקט פון טומאן
און קענען דעם רוף פון'ם צייט־ווינד ניט הערען
צו ברעכען די שיף פון טיראַן, —

אַז דאָ געפינט ער קלאָרע און שטארקע ווערטער, און די בילדער, וואָס ער מאָלט, זענען פאסענד און ניט איבעריגס מגוזם'דיג.

אַן ערגערער פיעל נאָך ווי דו (פראָסט) אין דיין צאָרען.
זיי (די מאסען) ליידען אָהן שיעור פון אַן אייביגען ווינטער,
מאמאָן איז זיין נאָמען, ער קוועלט זיי, ברייננגט אונטער!
דורך איהם, ניט דורך דיר, ווערען מענשען פערפראָרען,
זיי פאלען אין גאס, ווי די מוקען, די פליגען,
זיי ווערען צו מערדער, צו רויבער פערדאָרבען,
פער'משפט צו גאלגאַן, אין קערקער צו ליגען —
זיי זענען נאָך נאריש און פאלען אלס קרבן...

(דער פראָסט).

זינגט ער אָבער פון קאמפף און קעמפפער, זעהט איהר באלד ווי ער פערליערט דעם פעסטען באָדען אונטער זיינע פיס. א מין וואָלקען ליגט אויסגעצויגען אויף דער מייסטענס געקינצעלטער בלומען־שפראך, און פון די צונויפגענומענע ווערטער טרעט ניט אַרויס פאר די אויגען קיין שום בעשטימטעס בילד. קאָנטיג, אַז דער בעגריף פון קאמפף איז ניט ביי איהם א דייטליכע רעאלע זאך, וואָס זאָל זיין ענג פערבונדען מיט דער ווירקליכקייט. און די קעמפפער זיינע דערמאָנען אייך על פי רוב מעהר ראָמאַנטישע העלדען, ווי מענשען פון בלוט און פלייש, די פיאָנערען פון א בעסערער גע־זעלשאפטליכער אָרדנונג.

פון זיך גופא אלס אקטיווער טיילנעמער אין דעם קאמפף פאר פרייהייט רעדט ער גאָר ווייניג. ער, דער ה א מ ל ע ט, פערשטעהט צו גוט, אַז דאס שלאכטפעלד איז ניט פאר איהם, ניט פאר זיינע כחות. געבראָכען איז ער פיזיש און גייסטיג, און אפילו דעם מוטה האָט ער שוין אויך ניט מעהר. געבליבען איז נאָר די קאמפף־לוסטיגקייט, און ביי איהר פייער ווארעמט ער דאס די קאלטע ביינער.

עס איז מערקווירדיג, ווי וויניג ער האלט פון דער מאַסע און פון איהר פעיהיגקייט זיך אויסצוקעמפּפען א ליכטיגע צוקונפט.

דאס פאָלק איז נאָך נאַריש,
פערקריפּעלט און קראַנק, —

זאָגט ער אין די „הערבסט־בלומען“, און אָט דער געדאַנק ציהט זיך ווי א רויטער פאָדים דורך ב אָ ו ש אָ ו ע ר׳ ס גאַנצעס שאַפען. די מאַסע געהט ביי איהם קיין מאָל ניט ארויס אין פעסט געשלאָסענע רייהען זיך אָבצורעכענען מיט׳ן שונא. זי האָט גאָר דערצו קיין שכל ניט, און גאַנץ ג ע ד ו ל ד י ג טראָגט זי אריבער.

„די שענדליכע קייט, דעם טיראַנישען יאָך“...

אמת, ער האָפט, אז סוף כל סוף וועט קומען די צייט, און די מאַסע וועט

. . . בעזיגען איהר בלוטיגען פיינד,
ניט זיין מעהר אין קייטען געבונדען,
נור גענצליך פון פרייהייט בעקרענצט און בעשיינט!

אָבער דאס איז אלץ אין דער ווייטער, ווייטער צוקונפט, ווען די מענשען וועלען זיין אנדערע, און די אומשטענדען אנדערע, און גאָט אין הימעל אנאנדערער.

א כאַראַקטעריסטישער האַמלעט־שטריך איז דער נישט־גלויבען אין די כחות פון פאָלק, אין זיין געזונטען פערשטאַנד, אין זיין גרעסערען אָדער קלענערען זעלבסטבעוואוסטזיין און דערהויפּט אין זיין אייגענעם קאַמפּף־לוסטיגען גייסט, פון קיינעם ניט אונטערגע־טריבען. די דערשלאָגענהייט אין זיך, וואָס לאָזט ניט אָב אויף א רגע און צווינגט צו זיצען אויף איין אָרט און „שווימען אין טרערען א טייך“, — טראָגט דער דיכטער אריבער אויך אויף דער מאַסע. אָבגעריסען פון לעבען איז ער דאָך, — פון וואַנען־זשע זאָל ער אין דער אמת׳ען קענען

די ליידענדע ברידער׳, וואָס יאָמערן שטיל,
וואָס לעבען אין עלענד, אין אייביגען שטרעבען?

און ער קען זיי טאַקי ניט, און „האַמלעטיזירט“ אויף זייער חשבון געביך...

ב אָ ו ש אָ ו ע ר איז א דיכטער, א בעגאַבטער דיכטער, און א שאַד איז נאַר, וואָס די פערפלוכטע אומשטענדען האָבען גע־מאַכט אזא גיכען סוף אי פון איהם און אי פון דעם געטליכען פונק, וואָס ער האָט געבראַכט דער וועלט א מתנה.

ניו יאָרק ה. אלעקסאַנדראָוו.

דער גרויסער מת

(טעהאטער ארטיקעל.)

פאר אונז ליעגט א גרויסער מת — דאס יודישע טהעאטער.

קרוב פון פינף און צוואנציג יאהר האט געדויערט זיין שווערע אגאניע, זיין צאפלען זיך צווישען לעבען און טויד, ביז די נשמה איז איהם אויסגעגאנגען.

און די גלעקער קלינגען ניט, און די „נשמה־ליכט" ברענען ניט און מען הערט ניט דעם קול פון די מקוננים.

פינף און צוואנציג יאהר האט געדויערט זיין „ערדענוואללונג". אין דעם משך פון דער דאזיגער צייט, האט ער דורכגעלעבט פער־שיעדענע פעריאדען. מיר האבען איהם געזעהן געהענדיג מיט זיינע אונזיכערע, שוואכע, קינדערשע פיסלאך, שפּייטער האבען מיר אין איהם בעוואונדערט זיין אינטענסיווע יוגענד־קראפט און מיר האבען געגלויבט, אז פון דעם דאזיגען יונגען בחור וועט זיך ענטוויקלען א ריעז, און נאך שפּייטער האבען מיר איהם געזעהן וואקלענדיג און וואנקענדיג ווי א הונדערט־יאהריגער גרייז.

עפּעס גאר פלוצלונג איז אויף איהם אנגעפאלען די אלטקייט!

און אז מען פרעגט די בעלי־בתים פון טהעאטער, פון וואנען האט זיך מיט איינמאל גענומען אזא שרעקליכע מגפה, ענטפערען זיי אלע אין איין קול:

— מיר האבען נישט קיינע גוטע דראמאטורגען און מיר האבען נישט קיין אינטעליגענטעס פובליקום!

אנדערע פון זיי ווארפען ארויף די שולד אויף דער „אקטיארען־יוניאן".

— די פעראייניגטע אקטיארען צווינגען אונז זיי צו צאהלען אזעלכע הויכע פרייזען, וועלכע שטימען ניט מיט אונזערע איינאה־מען, און רואינירען דורך דעם דאס געשעפט!

אבער ווער עס איז נעהנטער בעקאנט מיט דעם וועזען פון יודי־שען טהעאטער, דער וועט אזעלכע פאלשע בעשולדיגונגען צוריק וויזען.

עס איז א בעוואוסטער פאַקט, אַז איידער די יוניאָן האָט זיך געגרינדעט, זענען די בעלי־בתים פון טהעאַטער גרויסע קבצנים גע־ווען. קיינער פון זיי האָט נאָך דאַמאָלס ניט געהאַט קיינע אייגענע הייזער, קיינע בריליאַנטען און קיינע דיקע באַנק־ביכלאָך. די דאָזיגע „גוטע זאַכען“ האָבען זיי זיך ערוואָרבען דוקא נאָכדעם, ווי די יוניאָן האָט זיך געגרינדעט.

און וואָס עס איז שייך צו דער טענה, אַז דאָס יודישע טהעאַטער האָט ניט קיינע גוטע דראַמאַטורגען און קיין אינטעליגענטעס פּובליקום, איז די דאָזיגע בעשולדיגונג נאָך פאַלשער.

קודם כל די דראַמאַטורגען.

ווען די בעלי־בתים פון טהעאַטער זאָלען דורכבלעטערען זייערע געשעפטס־ביכער, וועלען זיי זעהן, אַז די דראַמען פון יעקב ג אָ ר ד י ן, פון ז. ל י ב י ן, פון ל. ק אָ ב ר י ן און פון אַנדערע, האָבען געגעבען, ווען ניט קיין גרעסערע, דאָך ניט קיינע קלענערע איינאַהמען פון די פּיעסען פון ל א ט י י נ ע ר, ה ו ר ו ו י ץ עט טוטטי קוואַנטי. די פּיעסען פון יעקב ג אָ ר ד י ן, ל י ב י ן און ק אָ ב ר י ן, האָבען נאָך דעם פאָרצוג, וואָס זייער אויסשטאַטונג קאָסט זעהר ביליג. מען דאַרף צו זיי נישט האָבען קיינע גאָלדענע קרוינען, קיינע בגדי־מלוכה פאַר פּרינצעסינען, קיינע כלי־זיין, קיווערס און פאַנצערס פאַר רוימישע און האָטענטאָטישע „גבורים“, ווי דאָס איז דער פאַל ביי די פּיעסען פון ל א ט י י נ ע ר און ה ו ר ו ו י ט ץ. נאָך איינס: ווי טהייער עס זאָלען ניט קאָסטען די פּיעסען פון ג אָ ר ד י ן, ל י ב י ן און ק אָ ב ר י ן, קאָסטען זיי נאָך אַלץ ביליגער פון די פּיעסען פון ל א ט י י נ ע ר און ה ו ר ו ו י ץ. די ערשטע פלעגען נאָר איינמאָל בעקומען א גרע־סערען אָדער א קלענערען פּרייז און די לעצטע פלעגען בעקומען גוטע וויידזשעס (שכירות) דעם גאַנצען טהעאַטער־סיזאָן פאַר איינע אָדער צוויי פּיעסען.

די טענה, אַז עס איז נישטאָ קיין אינטעליגענטעס פּובליקום, איז אויך פאַלש.

ערשטענס, אַז ג אָ ר ד י נ ’ ס, ל י ב י נ ’ ס און ק אָ ב ר י נ ’ ס פּיעסען האָבען געגעבען רייכע איינאַהמען, איז א קלאָרער בעוויז, אַז עס עקסיסטירט יאָ אַן אינטעליגענטעס פּובליקום, און צווייטענס, האָט די איינוואַנדערונג פון די לעצטע יאָהרען געבראַכט צום גרעס־טען טייל נור די אינטעליגענטערע יודישע מאַסען פון רוסלאַנד, גאַליציען און רומעניען, יענע יודישע מאַסען, וואָס שעטצען מעהר דראַמאַטישע קונסט און האָבען א פיינערען זינן פאַר טאַלאַנט.

בלייבט די פראַגע: פאַר וואָס איז דאָס יודישע טהעאַטער גע־שטאָרבען?

אויף דעם זענען דאָ אַ סך תירוצים און דער הויפּט־תירוץ איז: די יודישע דראַמאַטורגען (די גוטע, נאַטירליך!) האָבען מיט דער צייט פּראָגרעסירט, אויך דאָס פּובליקום האָט זיך אין דעם משך פון די פינף און צוואַנציג יאָהר מעהר ענטוויקעלט, נור די אַקטיאָרען זענען פערגליווערט געוואָרען אויף איין פּונקט און קענען ווייטער נישט געהן. וואָס זיי זענען געווען אַמאָל, זענען זיי נאָך היינט. זייער טאַלאַנט, זייער קענען און זייער געשמאַק האָט זיך ניט ענטוויקעלט. זיי האָבען אָנגעהויבען זייער קינסטלערישע קאַריערע מיט „שמענדריק“ און „קוני־לעמעל“ און האָבען געענדיגט מיט דאָס „אידישע האַרץ“, מיט די „אידישע נשמה“, מיט דעם „ישיבה־בחור“, מיט „אַ מענש זאָלסטו זיין“ און דערגלייכען. ווען די אַקטיאָרען (מיר מיינען די „סטאַרס“) וואָלטען זיך אויך אַזוי גוט ענטוויקעלט ווי די פּערפאַסער און ווי דאָס פּובליקום, וואָלט דאָס יודישע טהעאַטער היינט געשטאַנען אין זיין רעכטע בליהונגס־צייט און וואָלט ניט געהאַט קיין כרת־יאָהרען.

אַ חוץ דעם, דער נאַרישער שטאָלץ, די קראַנקהאַפטע איינבילדונג פון אונזערע „סטאַרס“. מענשען, וואָס זענען אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אויף לאַטיינערס, הורוויצעס און שייקעוויטשעס פּיעסען, מענשען, וואָס האָבען ניט נור קיין דראַמאַטישע שולע ניט בעזוכט, אַפילו אַ רעכטען מלמד האָבען זיי ניט געהאַט, מענשען, וואָס קענען ניט אונטערשיידען פון זאָלאָטאַרעווסקין ביז שעקספּירען און פון אַנשיל שאָר ביז גערהארדט הויפּטמאַנ׳ען — נעמען זיך די חוצפה אויפצוטרעטען אויף דער יודישער ביהנע אין „שיילאָק“, אין „האַמלעט“, אין די „פערזונקענע גלאָקע“, אין די „היימאַטה“ און דערגלייכען פּיעסען, אין וועלכע עס וואַגען ניט אויפצוטרעטען מיטעלמעסיגע קינסטלער ביי די אומות־העולם. וואָס איז דאָס רעזולטאַט פון אַזעלכע פּאַרשטעלונגען? דער איינפאַכער טהעאַטער־בעזוכער שלאָפט זיך אויס גאַנץ געשמאַק ביי זיי, און דער אינטעליגענטער טהעאַטער־בעזוכער, וואָס האָט אין די דאָזיגע פּיעסען געזעהן אמת׳ע קינסטלער, בעקומט פון זיי אַ פּענדיסיטיס, אָדער אַ נערוועזע דיספּעפּסיע און וויל אַ צווייטען מאָל אין טהעאַטער נישט קומען.

און נאָך אַ מין אונהיילבאַרע קראַנקהייט איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דאָס יודישע טהעאַטער — די „דראַמאַטורגאָמאַניע“, דער וואהנזין, וואָס איז אָנגעפאַלען אויף פּיעלע איגנאָראַנטען צו באַקען דראַמען אין קאַלטע אויוועגס. ווער עס קען אויפשרייבען מיט טויזענד גרייזען אַ „שלום־לאַהובי־בריוועל“ צו זיין זיידען, ווער עס איז ביכולת אָנצופּאַטשקען אַ ליעדעל צו אַ דיענסט־מיידעל, זיין

געליעבטע, און ווער עס קען קוים איבערלעזען דעם וועש־צעטיל פון דער לאנדרי — שרייבט דראַמען פאַר דעם יודישען טהעאַטער, און די „סטאַרס“ חאַפּען זיי אויף ווי מארציפּאַנעס. איז ניט גאָרדין, איז זאָלאָטאַרעווסקי אויך גוט, ליבין׳ס פּלאַטין פאַרנעמט אַנשיל שאָר, און קאָברינס דראַמאַטישע מוזע האָט ב. טהאָמאַשעווסקי צוגענומען אויף פּראַקאַט. הכל כותבין וכתיבתן כשרה!

דאָס זענען די איינציגע אורזאַכען, וואָס האָבען טויד געמאַכט דאס יודישע טהעאַטער פאַר דער צייט. די „סטאַרס“ האָבען איהם דן געווען מיט סקילה, שרפה, הרג וחנק.

פאַר אונז ליעגט אַ גרויסער מת — דאָס יודישע טהעאַטער!

וועט ער אויפשטעהן תחית־המתים?...

ניו יאָרק מ. זייפערט.

איינזאַמע

די קינדער פון דעם היסטאָרישען נעכטען זענען זיי, וועלכע דער היינט האָט פערראַטען.

זיי האָבען געשפּונען די פאַרבענרייכע פעדים, וועלכע האָבען געזאָלט ווי אַ נעץ די גאַנצע גרויסע סטעפּע פון דער רוסישער ווירקליכקייט בעדעקען אין זיי האָבען זייער אייגען לעבען אין די פעדים אריינגעוועבט. די פעדים האָבען זיך צוריסען און דאס לעבען איז צושוואומען געוואָרען...

צוריסענע נשמות!

* * *

און ניט נור אין רוסלאנד קומט איצט פאָר איינע פון די גרעסטע וועלט־טראַגעדיעס אין דעם געמיטה פון אַ גאַנצען פאָלק, וועלכעס האָט ערשט נעכטען אַזוי אינטענסיוו־רעש׳יג געלעבט, און איז מיט אַ מאָל אַלט געוואָרען, זיך מיאש געווען און ארויסזאָגענדיג דעם „הכל הבל“, דעם גוט בעקאַנטען „הבל־הבלים“ פון די מיעדע און ענטוישטע פון אַלע צייטען, זוכט ער איצט פערגעסענהייט און רוהע, אַ ווארעמעס ווינקעלע וואו צו דערשלעפּען דעם רעשט פון זיין לעבען; דיזעלבע טראַגעדיע, דעם זעלבען געמיטה־צושטאַנד, לעבט אויך דאָ איצט איבער אַ גרויסער טייל פון די רוסיש־יודישע איינגעוואַנדערטע, וואָס זענען אריבערגעקומען פאַר די לעצטע פינף־זיעבען יאָהר.

די „עקאנאמישע“ אדער בעסער די „פאליטישע גויטזוענדיגקייט“ האט פיעל, זעהר פיעל פון דער רוסיש־יודישער יוגענד, די הויפט־בויער פון פאליטישער און נאציאנאלער ערוואכונג, אין מעבר לים פערטריבען.

און איז עס דען א וואונדער וואס דיזע רוסישע ערוואכונג איז זיי אזוי ליעב און טייער געבליבען אויך אין דעם פרעמדען לאנד.

און, ווירקליך, מיט די פיס אויף דעם אמעריקאנעם באדען, איז אבער זייער קאפ און הארץ תמיד אין רוסלאנד געווען.

און נאך מעהר, זיי האבען א ר י ב ע ר ג ע ט ר א ג ע ן אויף דעם אמעריקאנעם באדען ז י י ע ר רוסלאנד. און זיי האבען געלעבט אין איהר און זיי האבען געטרוימט אין איהר, אזוי ווי אין רוסלאנד.

און א רוסישע טהעטיגקייט האט פערפלייצט דעם קווארטאל, פונקט ווי אין רוסלאנד.

אמת, דיזע טהעטיגקייט איז מייסטענס געווען א וואכעדיגע, א גראשענדיגע, אבער זיי האבען שלום געמאכט מיט איהר, און איינשליסענדיג זיך אין איהר ענגע ד' אמות, האבען זיי דאך געהאט א געוויסע בעפריעדיגונג.

עס פלעגט אפילו צייטענווייז אויסקומען א ביסעל קאמיש צו זעהען ווי אינטעליגענטע און געפיהלפאלע מענשען קאכען זיך און האוועגען, פערשווענדען זייער גאנצע ענערגיע און בעגייסטערונג אויף א „באלל“ אדער אויף אנאנדער מין אונטערנעהמונג, וואס קען אין בעסטען פאל אריינברייגגען ניט מעהר וויא א פאר דאלאר. עס איז אבער געווען ערקלערליך. קיין ברייטערע רוסישע טהעטיגקייט איז דא ניט געווען, האט ניט געקענט זיין, און, ווילענדיג־ניט־ווי־לענדיג, האבען זיי זיך געמוזט בענוגענען מיט קלייניגקייטען.

* * *

איצט אבער, ווען די רוסישע בעוועגונג איז דא כמעט ווי פערשוואונדען און אן אייז־קאלטע גלייכגילטיגקייט האט פערנומען איהר פלאץ, אזוי גוט ווי אין רוסלאנד, און דער גרויסער יאוש האט זיך פערקליבען אין די הערצער אזוי גוט ווי אין רוסלאנד, איז פיליכט די לאגע פון דיזע „אבלים“, וואס זענען פערווארפען אין א פרעמדען לאנד, פיעל טראגישער איידער די לאגע פון די „יתומים“, וואס זיצען יעצט שבעה אין דעם פערשטארבענעם טאטען'ס הויז...

דען דיזע פאר־דער־צייט אלט־געווארענע האבען דאך דארט, ביי זיך אין דער היים, וועלכע־ניט־איז אטמאספערע, וועלכע־ניט־איז געזעלשאפטליכקייט, און זייערע ליידענס־גענאסען דא, אין אמעריקא, האבען לחלוטין גאר־נישט. יא, גארנישט...

דען צופאסען זיך צו די נייע אומשטענדען, אקלימאטיזירען זיך און בעטייליגען זיך אין דעם היגען לעבען זענען זיי ניט בכוח. צו אלט און צו שוואך זענען זיי. צופיעל גאל, צופיעל יאוש, אום צו אנפאנגען בויען א נייע וועלט. בכלל אמעריקאניזירט זיך דער מאסע־מענש פיעל שנעלער און פונדאמענטאלער איידער דער אינטעליגענט, וואס האט אין זיך אריינגעזויגען די גאנצע רוסיש־יודישע קולטור. צו שטארק איז די אינדיווידואליטעט, וועלכע ער האט מיט זיך מיט־געבראכט, אום צו קענען זיך בויגען, אום צו קענען מיטשווימען מיט דעם אלגעמיינעם שטראם.

און רוסלאנד, זייער רוסלאנד, איז כמעט ווי טויד. אין דיזען אויגענבליק, ווייניגסטענס. און אמעריקא? פרעמד איז זי זיי און אונפערשטענדליך. יא, און ניט צום הארצען.

* * *

און מענשען וואס האבען דעם פריהלינג פון זייער לעבען פער־בראכט אין אן אטמאספערע פון רווישענדער געזעלשאפטליכקייט און בעוועגונג בכלל איז געווארען זייער צווייטע טבע, זיי זענען איצט איינגעשפארט אין דער „טורמע" פון זייער אייגענער איינזאמקייט.

און פערגעסענע, פערבארגען פון א פרעמד ן אויג, זיצען זיי, נאך א שווערען טאג שאפ־ארבייט, אין זייערע איינזאמע ווינקלען און מאכען א י צ ט זייער חשבון־הנפש.

זיי, וועלכע זענען פערוואגעלט געווארען אין א פרעמד לאנד, נאך דעם ווי זיי האבען אבגעגעבען זייערע בעסטע יאהרען דער רו־סישער בעוועגונג און פיעלע פון זיי זענען געווען איהרע פיהרער און וועג־ווייזער.

און סיי די וואס האבען ווירקליך געלעבט און סיי די וואס ה א ב ען ז י ך ג ע ל א ז ט לעבען, סיי די וואס האבען באמת געגלויבט און באמת געשטרעבט און סיי די וואס ה א ב ע ן ז י ך ג ע ל א ז ט גלויבען און ג ע ל א ז ט שטרעבען, סיי די אקטי־ווע בארקעמפפער און סיי די פאסיווע מיטלויפער און מיטטענצער — מאכען א י צ ט זייער חשבון־הנפש.

נעכטען האבען זיי קיין צייט געהאט צו פערבלייבען אליין מיט זיך און אריינקוקען אין די טיעפסטע־טיעפענישען פון זייער קדשי־קדשים.

היינט, אבער, איז די פערגאנגענהייט בלויז פערבליבען, און איהרע אלע איינצעלהייטען לעבען זיי איצט נאך א מאל איבער. אזוי איז שוין די טבע פון דער איינזאמער עלטער...

ניו יארק ס. ק. שנעעפאל.

„קיבעציזם“ *)

— דו לאַכסט ? !
— אַז אָך און וועה איז צו דיין געלעכטער.
(פאָלקס־שפּריכוואָרט.)

פּאַר אויסלאַכען האָבען זיי אַלע מורא; וואָס מעהר שולדיג זיי פיהלען זיך — אַלץ מעהר מורא האָבען זיי. זיי קענען עס ניט פערטראָגען און האָבען זיי די מאַכט אין דער האַנד — דערשטיקען זיי עס דאָס געלעכטער.

נישט תמיד קענסט דו מיט׳ן שווערד אין האַנד מלחמה פיהרען מיט׳ן טיראַן — דאָס איינציגע מיטעל וואָס דו קענסט דענסטמאָל אַנווענדען, איז דער „קיבעץ“, דאָס אויסלאַכען, דאָס חוזק־מאַכען, דאָס אויסשפּעטען, דאָס אָפּלאַכען די שוואַכסטע זייטען פון דיין געגנער. און דאָס מיטעל איז שטאַרק, זעהר שטאַרק. די ווירקונג איז אַ מורא׳דיגע.

זיי קענען ניט איבערטראָגען דאָס חוזק־געלעכטער און זיי פערביטען עס דיר.

זעהט: אין דער ערגסטער צענזור־ממשלה, אין דער צייט ווען דו מוזט יעדעס וואָרט וועגען און מעסטען איז דאָך מעגליך אַרויסצוגיבען ערנסטע צייטונגען, נאָך מעהר מייגליך צו דרוקען ערנסטע ביכער וועלכע גראָבען אונטער די טיראַנען־ממשלה: לאַכען אָבער, אַרויסגעבען סאַטירישע בלעטער, „קיביצערס“ וועט מען דיר ניט ערלויבען. איבערזעץ אין רוסיש מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל“, נור „קיבעץ“ ניט! פערשפּרייט ענגעל׳ס, אַפּילו לאַסאַל׳ס שריפטען, נור שפּעט

*) „קיבעציזם“ — דאס איז אַ ממזר־וואָרט: קיינער ווייסט ניט זיין אָבשטאַמונג. קלוגע מענשען האָבען דאס ערקלערען געפּרופט, איז אָבער זייער טרחה אומזיסט געווען. געברויכט ווערט דאס וואָרט אין אַ געוויסען טייל פון דער ניו יאָרקער גהעטאָ. „קיבעצען“, „ארויגקיבעצען“ הייסט אַזוי פיעל ווי: איינעם די יאָהרען דערגעהן, „אין די גרגרת ארייגקריכען“. ארויסגעבערס האָבען דאס וואָרט אויפגעכאַפּט און זייערע וויץ־בלעטער „קיבעצערס“ אַ נאָמען געגעבען.

ניט — פאַר א קאריקאטור וועט מען דיך אזועקשיקען ווי פעפער וואקסט.

און מיין ניט, אז נור אין רוסלאנד, האָבען זיי מורא פאַר דער קאריקאטור. אָט בעטראַכט פרייסען, דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע פּריי־סען: יאָהרען־לאַנג זענען זיי „אָפּגעזעסען" אין די טורמעס די בע־ריהמטע קאַריקאַטוריסטען פון „סימפּליציזמוס" און אנדערע „קי־בעץ"־בלעטער. —

וואָס דארפסטו מעהר? די אַמעריקאַנישע פּאָסט קאָנפּיס־קירט א נומר „קיבעצער" פאַר א „אונאנשטענדיגע" — לויט זייערע בעגריפען — טאַפּט־ברייען קאריקאטור. אונאַנשטענדיג! געוויס: די עפענטליכע פּראָסטיטוציאָן, גרעפט (שוהר) א. ד. ג. איז „אַנשטענ־דיג" און וויזען ווי טאַפּט־ברייען „פייפען" אויפ'ן פאָלק — איז „אונאנשטענדיג". —

אזוי איז עס אין אַלע צייטען, אין אַלע לענדער. מען וועט דיר טויזענד מאָל ערלויבען צו רעדען, שרייען, גוואלדעווען אפילו — נור ניט אויסלאכען. און דערפאַר טאקע זעהען מיר, ווי נור די רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען עטליכע טעג פרייע, אמת־פרייע בעקומען האָבען זיי זיך אזוי צעלאַכט, אז איבער גאַנץ רוסלאנד האָט זייער געלעכטער, זייער חוזק־געלעכטער געהילכט! אין פרייהייטס־שטראַהל נור און דאָס רוסישע וויצבלאַט האָט בעהערשט די רוסישע וועלט. —

ניט לאַנג האָט די שמחה געדויערט, באַלד האָט מען מיט א שטריק, מיט א זעהר גראָבען שטריק איבער'ן פרייען האלז פערוואָר־פען און דאָס געלעכטער איז פערשטומט געוואָרען. צו הערט איהר דאָס חאָרכלען ניט? —

אָדער: ביסמארק, איהר ווייסט דאָך, האָט פיעלע שונאים געהאַט. מיט אַלע, אויף פערשיעדענע אופנים זיך אָפּגערעכענט: דעם וויטץ־שונא, דעם קאריקאטוריסט האָט ער ניט בייקומען געקענט דען דער קאריקאטוריסט — גיט איהר איהם נור א פרייע האַנד — איז ער שטאַרקער פון „שטאָל און אייזען". איז אָבער ביסמארק א קלוגער געווען, שטארקע נערווען געהאַט — און ווייסט איהר וואָס ער פלעגט טהון? ער האָט מיטגעלאַכט.

ווילהעלם אָבער, דער כלומרש'ט שטאַרקער ווילהעלם מיט די ברייטע פּלייצעס, מיט דעם שיינעם שטאָלצען שנור־באַרד — ער, זעהט איהר, וועט אייך פאַר אייער וויטצלען זיך ביז צור גסיסה רודפ'ן. וואָס שטאַרקער דער וויטץ, וואָס טיעפער די סאַטירע, וואָס אמת'ר די קאַריקאַטור, אַלס נעהענטער צו דער תליה זענט איהר אין ווילהעלם־לאַנד!

טאַ וואָס וואונדערט איהר אייך וואָס אונזערע גדולים, וואָס אונזערע „קיניגע“, וואָס אונזערע „קעפּ“ — קאַכען, זידען, שוימען פאַר דעם קלענסטען „קיבעץ“ נור!

באַרעכענט: צעהנדליגע יאָהר האָבען זיי משה'ן געפיהרט ביי דער נאָז, צעהנדליגע יאָהר האָבען זיי דעם עולם אין פּנים געשפּיגען, נאריש געשפּיגען, וויסענשאַפטליך געשפּיגען, צעהנדליגע יאָהר אויף דער קליאַטשע געריטען און פון זיך געבלאָזען — און פּלוצלונג, מיר ניט, דיר ניט, קומען עפּיס יונגלעך, „ניט בעוואוסטע“, מענשען וואָס זענען נאָך קיינע פיהרער געווען און „קיביצען“ גאָר! איהר הערט: זיי, זיי די גדולים ווערן געקיבעצט! מען וואַגט זייערע שוואַכע זייטען דעם פּובליקום פּאַרצושטעלען! פון זיי, פון דיעזע מורא'דיגע וויסענשאַפטס־מענער, הוזק'ט מען אָפּ!

אַך, די שקצים!

און זיי קריצען די ציינער און פון די הענד ווערען קולאַקעס און עס בלישטשען אויף די כמעט־שוין אויסגעלאָשענע אויגען און רויט צו שוואַרץ ווי זיי זענען, פעראייניגען זיי די „קרעפּטען“ זייערע און מען געהט צוזאמען מלחמה האלטען.

מלחמה מיט די קיבעצער!

אָרימע נפשות! וואָלט האָטש אַ סיביר, אַ קאַטאָרגע אין זייער ממשלה געווען, וואָלטען זיי האָטש אַ שטריקעל איבער'ן האלדז פּער־ציעהען געקענט!

איז דאָך אָבער אַ פּריי לאַנד אמעריקא— „אַ קלאָג צו קאָלומ־בוסען!“

זענען זיי זיך נוקם אויף זייער שטייגער: דער וויל קיינע „קיבעצער“־אדווערטייזמענטס (אַנאָנסען) דרוקען, אַנ'אַנדערער סטראַשעט מיט — תפיסה און יענער רייצט אָן בלעום'ן: געה שעלט, די „קיביצערס“, בעגראָב זיי, רייס פון זיי שטיקער, מאַך פון זיי אַש און בלאָטע!

דאַרפט איהר נאָך אַ גרעסערען „קיבעץ“, אַ פּון זיך הוזק מאַכען, ווען בלעום עפּענט זיין מויל: צו פּערדיגען אנשטענדיגקייט, פּאַר־נעהמהייט און ציוויליזאַציאָן!

און די בעלי־ה„קיביצער“ פרייען זיך; זיי זעהען בהוש: דער „קיבעץ“ ווירקט! בלאַטערס, געשווירען, לאַנג־יאָהריגע געשווירען פּלאַצען, אַ שלעכטער ריח אפילו — אָבער ווי געזונד דאָס ווירקט!

ניו יאָרק   דר. י. וואַרטסמאַנן.

„די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק"

(א קולטור ווערק.)

וואלטען אונזערע בעריהמטע בר־מנן׳ס געקענט זעהען די רייכע לויות וואס מיר גיבען זיי, וואלט געוויס א צופריעדען שמייכעל זייערע טויד־ווייסע פנים׳ער בעדעקט. נאטירליך וואלטען די לויהגעהער דיעזעס שמייכעלע ניט בעדארפט בעמערקען, זיי וואלטען דערפון גרויס עגמות נפש געהאט: בעגראבען איינעם פיין, מיט פאראד, מיט׳ן גרעסטען פערגניעגען, אבער די מעשים טובים פון א לעבעדיגען אנערקענען, דאס פאסט ניט פאר אונז יודען.

אין די זאמעלביכלעך „אמעריקא" (אויב זיי איז בעשעהרט לאנגע יאהרען) זאלען די לעבעדיגע מענשען פאר זייערע גוטע טהאטען אנערקענונג געפינען. ניט לויב־ליעדער וועלען מיר זיי זינגען, נור זייערע ווערק פאר׳ן כלל זאלען ריכטיג אבגעשעצט ווערן.

* * *

צווישען אלע אמעריקאניש־יודישע פאבלישערס (ארויסגעבערס) פערדיענט געוויס אלעקסאנדער איוואלענקא דעם ערשטען פלאטץ. און ניט נור אין אמעריקא. בעטראכט מען די ביכער, וועלכע א. איוואלענקא האט ארויסגעגעבען, לויט זייער אינערליכען ווערטה, מוז מען זיינע אויסגאבען פערעכנען אלס די בעסטע פון אלע יודישע ארויסגעבערס.

> „דער צוועק פון דער „אינטערנאציאנאלער ביבליאטהעק" איז בעקאנט צו מאכען דעם אידיש־לעזענדען פובליקום מיט די חכמות פון די אומות העולם און ארויסצוגעבען בעלעהרענדע און אויפקלעהרענדע ווערק".

ערקלעהרט א. איוואלענקא אין זיין קאטאלאג און דאס מערקווירדיגע דערביי איז וואס ער האט מעהר געגעבען אלס פערשפראכען.

אזעלכע וויכטיע ווערק ווי די בעארבייטונגען פון פ י ל י פ ק ר א נ ץ: דריי בענדער „קולטור־געשיכטע“, „פראנצויזישע רעוואלוציאן“ און „אמעריקא פאר קאלומבוס“ און די אנדערע מעהר־ווענינגער וויכטיגע בעלעהרענדע אויסגאבען פון אנדערע יודישע ליטעראטען האבען אייגענטליך שוין דאס פערשפראכענע פראגראם צום טייל אויסגעפיהרט. די „א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל ע“ ביבליאטהעק פון א. א י ו ו א ל ע נקא האט זיך אבער דערמיט ניט בעגניעגט און האט אונז געשאנקען וויכטיגע נאציאנאלע שעפּפונגען ווי די ווערק פון גאר ד י ן, ל י ב י ן און פ י נ ס ק י, די דריי שיינע בענדער פון מאררים ראזענפעלד א פראכט־באנד פון י ה ו א ש און אנדערע ריין ליטערארישע אויסגאבען אין ווי מיר הערען וועט דערזעלבער פערלאג ארויסגעבען אכט בענדער פון י. ל. פ ר ץ און אנדערע וויכטיגע ווערק.

ביי דער ארימקייט פון דער יודישער ליטעראטור מוזען די אלע אויסגאבען בעטראכט ווערען אלס א אמת׳ר אוצר. מיט זייער אויסערעם אויסזעהען קענען זיי זיך אויך פערגלייכען צו אנדערע ניט־יודישע אויסגאבען. מען זעהט, אז א. א י ו ו א ל ע נ ק א בעצוועקט ניט נור גוטע, נוצליכע ביכער, נור אויך ש י י נ ע ארויסצוגעבען, כדי דאס יודישע אויג וועלכעס איז פערוועהנט מיט „צאינה וראינה“־קונסט, זאל זיך צו געוועהנען צו זויבערקייט און שיינקייט.

א וויכטיגער פונקט זאל דא דערמאנט ווערן: א. א י ו ו א ל ע נ ק א, ניט נור וואס ער ב׳גנב׳ט ניט די יודישע ליטעראטען נור ער צאהלט זיי די ג ר ע ס ט ע פרייזען, ווי קיין אנדערער יודישער ארויסגעבער. אין א צייט ווען דאס עפענטליכע, אונבעשטראפטע בע־גזל׳נ׳ן יודישע ליטעראטען איז געווארען א בעשטענדיגער מנהג, דארף דער דערמאנטער פאקט בעזונדערס הויך געשעצט ווערן.

און מיר „אמעריקאנער“ מייגען שטאלץ זיין וואס גראדע אמעריקא וואו דאס יודישע קולטור־לעבען איז אזוי ארעם האט אזא וויכטיגעס קולטור־ווערק בעשאפען ווי די „אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק“.

ניו יארק איש אמת.

לעזט און פערשפרייט דעם סאציאליסטי־
שען זשורנאל

„די צוקונפט"

רעדאקטירט פון

מ. ווינטשעווסקי

פרייז פאר א יאהר צוזאמען מיט מ. ווינטשעווס־
קי'ס שריפטען אלס פרעמיאום $1:25
פאר אויסלאנד און קענעדע $1.50; 15 סענט
עקסטרא פארטא פאר דעם פרעמיאום

אדרעס:

THE ZUKUNFT

141 Division Street, New York.

לעזט און פערשפרייט דעם נייעם זשורנאל

דאס נייע לעבען

רעדאקטירט פון

דר. ח. זשיטלאווסקי

פרייז 60 סענט א האלב יאהר; $1.20 א יאהר
אויסלאנד 75 סענט א האלב יאהר; $1.50 א יאהר

אדרעס:

DOS NAYE LEBEN

151-55 Clinton St., New York

אינטעלינענטע מענשען לעזען

דאס

יודישע וואכענבלאט

רעדאקטירט פון

י. פפעפפער

אפיס: 278 איסט האוסטאן סטריט,
ניו יארק.

אין גאנץ אמעריקא און אין קענעדע איז
פאראן בלויז איין

„קיביצער"

רעדאק.

ה. הורוויטץ

פרייז 3 סענט א נומער; אין קאונטרי 4 סענט
א יאהר 50 סענט.

אדרעס:

"DER KIBETZER"

236 E. Broadway, New York

„דאס אידישע פאלק"

איז די איינציגע ציוניסטישע וועכענטליכע צייטונג אין גאנץ אמע־ריקא און קענעדע. זי ברענגט נייעס פון דער גאנצער ציוניסטישער וועלט בכלל און פון אמעריקא, קענעדע און פון פאלעסטינא בפרט.

אלע ציוניסטישע פיהרער זענען איהרע מיטארבייטער.

פרייז 3 סענט א נומער; 60 סענט א האלב יאהר; 1 דאלאר א יאהר.
אויסלאנד 80 סענט א האלב יאהר; 1 דאלאר מיט 50 סענט א יאהר.

אדרעס:

"DOS YIDDISHE VOLK" 198 EAST BROADWAY, N. Y.

דער הויפטפערקויף פון „אמעריקא" איז ביי:

H. Kahn, 3820 3rd Ave., Bronx, New York.

דארט בעקומט איהר אויך ש'מין'ס „וועלט־ביבליאטהעק" בילינער ווי איבעראל.
פאר 15 סענט א ביכעל (מיט פארטא.)

דיא נרעסטע אידישע פרינטינג אין דער איסט־סייד, איז די

יוניאן פרינטינג

פון

גרייזעל, פרעגער און קאַמפּ.

65-67 סאפאלק סט., ניו יארק.